NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12989

ZAMLUNG FUN PYONERISHE DERSTEYLUNGEN

Notke Vainhoiz

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאַמלוּנג

פֿוּן פּיאָנערישע דערציילוּנגען

צוּנויפֿגעשטעלט און רעדאַגירט

פֿון נאָטקע ווייַנהויז

די בילדער — פֿון מאָלער ג. זמידזינסקי.

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH, INC. N.Y.

9562

מעלוכע-פֿאַרלאַג פֿון ווייסרוסלאַנד

מינסק — 1927

מינסק, 1-טע מעלוכע-דרוקעריי.

גלאווליטבעל 22776. באשט. 132. טיראזש 3000.

דריי קאָמעדיאַנטן.

7050

9562

מיכאַלקע האָט זיך מיט אַן אומעט אין די אויגן איינגעגעסן אין אַ שוואַרץ פינטל. דאָס איז געווען אַ דאָרף, וועלכן ס'האבן פאַרשטעלט שפיצן פון הויכע בערג.

ביזן דאָרף איז נאָך געווען ווייט, זיי גייען שוין אָבער אַסאַך:

ער, מיכאלקע, דער אַלטער ניקאָלע, און הינטער זיי שלעפט זיך אף א קייט אַ גרויסער בער.

דער דאָרף איז נאָך ווייט, האָט געזאָגט מיכאלקע.

דער אַלטער ניקאָלע האָט פאַרזשמורעט זיין פאָר בלינדע קוקערס, מיט דער האַנט פאַרשטעלט דעם פאָנים פון דער זון און אַרויסגערעט:

— יע, נאָך ווייט!...

דעם בער איז שוין אויך דערעסן געוואָרן צו זיין געשפאַנט אין די קייטן, אַף וועלכע ער איז צוגעבונדן, שטעלט ער זיך אַף די הינטערשטע לאַפּעס, רייסט די קייטן און ברומט.

אין א האַלבע שאַ אַרום זיינען זיי אַריין אין אַ גרויסן באלגאַרישן דאָרף מיט הייזלעך צעוואָרפֿענע אַרום די רוישיקע ברעגן פֿונם טייך „באריצאַ“.

אַריינקומענדיק האָט דער אַלטער ניקאָלע אַראָפּגענומען פֿון פּלייצע אַ גרויסע פּייק מיט גלעקלעך, קוקנדיק א קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבערן פאַרלאַטעטן אין עסלעכע ערטער דעק.

די ליבהאַבער פֿון אַזעלכע קונץ־שטיק, די קינדער פֿון דאָרף, זיינען אָנגעלאָפֿן פֿון די קליינע הויפֿעלעך און פֿון די ווייסינקע שטיבעלעך; ס׳האָט ניט געדויערט קיין 5 מינוט, ווי אַרום די קאַמעדיאַנטן איז שוין געווען אַרומגעקליבן אַסאַך מענטשן.

ניקאָלע, דערזעענדיק, אַז ס׳האָט זיך שוין אָנגעקליבן אַ היבש ביסל עולם, האָט א קלאַפּ געטאָן אין טעצל.

— נו, מישקע, מאַך פֿריילעך דעם עולם!... ווייז זיי דיינע וווּנדער־מאַיסים... ווייז, אַז דו ביסט קליגער פֿון אונדזערע גאַרנישטן די סטראַזשניקעס... נו, מישקע... נא דיר א ביקס און ווייז, ווי אַזוי אונדזערע סאָלדאַטן צושיסן אַרבעטער און פּויערים!...

דער בער האָט געשריען, געטאַנצט אף איין אָרט נאָכן טאַקט פֿון טעצלע.

ער האָט גענומען אין די בערישע לאַפּעס א גרויסן שטעקן, צוגעלייגט צום פּלייצע און גאַזלאָניש דורכגעפֿירט איבערן עולם מיט זיינע גרויסע בערישע אויגן.

— אַנו, מישקע, זיי נאָר אַזוי גוט און ווייז, ווי אַזוי צ אַ נ ק אָ ו קריכט אפֿן בויך פֿאַרן קייסער...

דער עולם בלייבט אָן בייכער לאַכנדיק.

די אַלטע ווינקען זיך דורך מיט די אויגן, מען שטויסט איינע די אַנדערע מיט די עלנבויגנס:

— אָט אַ כאַיע... מער פֿאַר אונדז פֿאַרשטייט דאָס?!..

— אַנו, מישינקע, ווייז נאָר, ברודערקע, ווי א מאַמע ווײנט נעבן טייך מאַריצע אף איר געשאָסענעם זון...

דער בער האט גענומען ווישן מיט דער לאַפּע די אויגן.

אַלעמען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער וויינט טאַקע.

אַנו, מישקע, מאַך פֿריילעך דעם עולם.

אַלטינקע פּרויען האָבן די נאָז געשנייצט, די טיכלעך זיינען נאַס געוואָרן.

זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן זייערע פאַרלאָרענע, צושאָסענע זין. די מענער זיינען געשטאַנען ווי געליימטע. די יוגנט און קינ-דער האָבן געשריען אין איין קאָל:

— ווייַן ניט... וויין ניט... מישקע...

דער אלטער ניקאָלע האָט אַראָפּגענומען די היטל, אַלע האָבן געמיינט, אז ער וויל געלט פאַר דער פאָרשטעלונג.

... נאָר ניקאָלע האָט זיך א הויב געטאָן, האָט זיך אויס-געגלייכט, איז מיט אַ קאָפּ גרעסער געוואָרן און מיט אַ יונגער שטים, אזוי ווי אים וואָלט גאָר ניט געווען קיין 90 יאָר, נאָר אַ יאָר 20, האָט ער אויסגעשריען:

— כאַוויירים!..

און די הענט, אַראָפּגעלאָזענע אין די קעשענעס נאָך א פּאָר קאָפּיקעס, זיינען געבליבן געליימט...

— בא אייך זיינען מיר נאָך ניט געווען?... איר ווייסט נאָך גאָרניט?... אונדזער טייך מאריצע איז איינגאַנצן באַפּאַרבט אין בלוט... דער דונאַי איז רויט פון אונדזער בלוט... דאָס בלוט גיסן ניט די טערקן צי אימיצער אַנדערש... ניין!... אונדזערע גווירים און פּריצים... אונדזערע קינדער צווינגט מען, זיי זאָלן שיסן אין אייגענע טאַטע-מאַמע...

פאַרוואָס?...

און מיר ליידן!..

לאַנג האט ניקאָלע גערעט.

— מיר גייען היינט פון די שטעטלעך. אַסאַך אָרעמע ברי-דער אונדזערע האט מען דאָרט צולייגט, ווי סנאָפּעס...

זיי וואַלגערן זיך אף די גאַסן...

... היינט וועט מען אויך אהער קומען נאָך אונדזערע זין, נעמען זיי פאַר סאָלדאַטן אין צאַנקאָווס אַרמיי... ברידער! מיר טאָרן דאָס ניט דערלאָזן... נעמט זיך פאַרן געווער און גייט אַוועק אין די בערג...

די פֿאָרשטעלונג פֿון די דריי וואַנדערנדע קאמעדיאַנטן האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין א הייסן מיטינג.

פֿאַרוואָס?... און מיר ליידן...

טרוקענע, אויסגעהאָרעוועטע פֿויסטן האבן זיך דראָענדיק אופגעהויבן.

ניקאָלקע האָט אין דער צייט פֿון בוזים אַרויסגעשלעפט לאַנגינקע, דינע בלעטלעך—פּראָקלאַמאַציעס פֿון דער באָלגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די ווייסע בלעטלעך זיינען אַוועק פֿון האַנט צו האַנט.

דער מיטינג האט זיך געענדיקט זייער שפעט, די קאמע-דיאנטן האָט מען געגעבן עסן, טרינקען און אַוועקגעפירט זיי שלאָפן.

מיכאַלקע האט דורכן שלאָף געהערט, ווי דער באַלעבאס פון „כאטע" האָט געפרעגט בא ניקאָלען, ווער ער איז.

ווייטער האט ער געהערט, ווי ניקאָלע מיט זיין אלטער שטים האָט געענטפערט:

15 יאָר אָפּגעזעסן אין טורמע פאַר הארגענען א פּאָרעץ, און איצט בין איך אַ פרייער. כ'גיי איבער די דערפער און בונ-טעווע דאָס פאָלק... איך בין אַ קאָמוניסט.

מיכאַלקע האָט דורכן שלאָף באַשטימט:

— איך וועל אויך זיין אַ קאָמוניסט, אַז איך וועל אויס-וואַקסן.

כ'וועל גיין איבער די דערפער און ריידן פונקט ווי דער זיידע...

* * *

די סטראַזשניקעס האָבן זיך אַריינגעריסן אין דאָרף נאָך נאָ-וואָבראַנצעס.

זיי האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, נאָר ס'איז שוין געווען שפעט — דאָס גאַנצע פויערטום פון דאָרף איז אַוועק אין די בערג, ווי ניקאָלע האָט געהייסן, און געבליבן זיינען ניט מער, ווי די אָנציינערדיקע 80—90-יאָריקע אַלטינקע.

ווי ס'ווייזט אויס, האָבן בייזע צינגער איבערגעגעבן „נאַ-טשאַלסטווע" וועגן ניקאָלען מיטן בער.

ווי ס'האָט זיך נאָר אָנגעהויבן די שיסעריי איבער די גאַסן פון דאָרף, האָט זיך שוין געהערט אַ קלאַפּעריי אין ניקאָלעס טיר, ס'האָט זיך געהערט, ווי ס'זיינען צוגעפאָרן אַ מאן 10 ריי-טער, און איינער פון זיי האָט אויסגעשריען:

— אַנו, אַלטע פאדעשווע, גיי ארויס מיט דיין קונצעוואַטן בער — מיר'ן זען אקארשט וואָס פאַר אַ קאָמוניסטן איר זייט!..

ניקאָלע האָט אויפגעוועקט מיכאַלקען.

דער בער האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן ברומען.

די פּערד אין דרויסן האָבן זיך דערשראָקן פאַרן ברומען און בעשום אויפן ניט געוואָלט איינשטיין.

די סטראַזשניקעס זיינען געוואָרן נאָך מער אין קאַעס.

— העי, אלטער פּערד! באַ דיר וועט נאָך לאַנג דויערן? גיי אַרויס!...

ניקאָלע האָט אריינגערוקט מיכאלקען אין בוזים אַ פעקל פאפירן און געזאָגט:

— דו וועסט אַוואַדע באַווייזן אַוועקגיין, טאָ נעם באַהאלט. נאָכדעם וועסטו דאָס צעטיילן.

מיכאלקע האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין פון זיידן.

— איך וויל אויך גיין מיט דיר...

— נאָך וואָס וועסטו גיין?.. אויב דו ווילסט זיין אַ קאָמוּניסט, טא גיי ניט... דיך דאַרף מען נאָך האָבן.

מיכאלקע האָט געשוויגן.

ניקאָלע האָט זיך אויפגעהויבן, אפגערוקט די גרויסע זאווע-סע פון טיר, געעפנט דעם טויער, איז ארויס פאָנימעלפאָנים מיט די צערייצטע סטראַזשניקעס.

מיכאלקע האָט אפילע ניט באַוויזן באַמערקן, ווי דער בער האָט זיך אַוועקגעשלעפט -נאָכן זיידן.

— וואָס דאַרפט איר דאָ?

אַ געלעכטער האָט זיך ארויסגעריסן באַ די סטראַזשניקעס.

— ער ווייס נעבעך ניט, צוליב וואָס מיר דאַרפן אים?

אַן אויפגעהויבענע בייטש האָט זיך מיט אַ שווישטש אַראָפּ-געלאָזן איבער דעם גראָ-פאַרוואקסענעם קאָפּ.

— גיי ארויס.

אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון ניקאָלעס האַרץ.

דער בער האָט זיך געשטעלט אַף די הינטערשטע לאַפּעס, גרייט זיך וואַרפן אַף די, וואָס באַליידיקן זיין באַלעבאָס.

דאָס גאַנצע פויערטום איז אַוועק אין די בערג, ווי ניקאָלע האָט געהייסן.

די פערד, דערשראָקענע, האָבן זיך געלאָזט לויפן אין אלע זייטן, אַ סטראזשניק האט אויסגעשאָסן, און די קויל איז אַריינ-געקראָכן אין דער פוכיקער פעל פונם בער. דער בער איז גע-וואָרן צערייצט, האָט אַ ברום געטאן און זיך געלאָזט לויפן נאָך דעם איבערגעשראָקענעם אָטריאד.

מיכאלקע האָט געכאפט אַן עק קייט און גענומען שלעפן דעם בער אף צוריק.

דער בער איז שרעלעך צערייצט געוואָרן; מיט די פאָדער-שטע לאַפּעס האָט ער גענומען פאַטשן מיכאלקען, נאר מיכאַלקע פלעגט זיך פלינק אויסדרייען פון די קלעפ.

ניקאָלע האָט אים אויך געהאָלפן אין דער שווערער אַר-בעט. זיי האָבן גענומען אָפּטרעטן צום וואַלד.

קוילן זיינען געפלויגן פון הינטן און פון פאָרנט.

פלוצלונג האָט זיך ניקאָלע אַ שאָקל געטאָן, און איז גע-פאַלן מיטן פּאָנים צו דער ערד.

מיכאַלקע האָט איינגעלאָזן די קייט, וועלכער ער האָט די גאַנצע צייט אין האַנט געהאַלטן.

— זיידע, וואָס איז מיט דיר?

— ניקאָלע האָט געשוויגן. מיכאַלקע האָט אָנגענומען דעם זיידנס פארוואקסענעם קאָפּ אין זיינע יונגע שוואַכע הענטלעך און געוואָלט אופהויבן; די הענט האָבן דערפילט אַ קלעפיקע הייסע זאַך.

פון האַרצן האָט געגאָסן בלוט.

די סטראַזשניקעס, איבערגעשראָקענע פון דעם קונצעוואַטן בער, האָבן זיך באַהאַלטן הינטער פארקאנעס, בערג און געשאָסן, אָבער ניט געטראָפן, אַדאַנק דער פינצטערניש.

מיכאַלקע איז לאַנג געזעסן נעבן טויטן זיידן. אין דער צייט האָבן זיך שוין פייערלעך פון די שאָסן געזען גאָר נאָענט, מענטשן מיט ביקסן האָבן זיי אַרומגערינגלט.

מיכאַלקע האָט באַהאַלטן די נויטיקע פאַפּירן אין בוזים, אַ קוש געטאָן דעם זיידן און דורכגעגאַנוועט זיך דורך דער אייזער-נער וואַנט סטראַזשניקעס.

* * *

גאָר געשמאַק איז געשלאָפֿן מיכאַלקע אין וואַלד אונטערן פֿרייען הימל.

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טריט?

ווער קען דאָס גיין אַהער?

אַ שווערן אָטעם האט ער דערפֿילט.

מיכאַלקע האָט געעפֿנט די אויגן. אַ שמייכל געטאָן.

אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט דעם גרויסן בערישן קאָפּ, און אַ קוש געטאָן אין נאָז.

— מישקע...

דער בער האָט גענומען טאַנצן אַרום מיכאַלקען, און פֿריי־לעך הירושען. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעקערט, געפֿאַלן אַפֿן זייט און אופֿגעהויבן די פֿיס.

— מישינקע... דיר טוט וויי וואָס ניט איז?... שעם זיך ניט...

מיכאלקע האט ארומגעקוקט פֿאָרזיכטיק די פֿיס.

אַפֿן לינקן פֿוס האָט געפֿעלט א נאָגל, דאָס האט מישקען פֿאַרשאפֿט גרויסע ווייטיקן.

מיכאלקע האָט אים ארומגעבונדן מיט א נאַסן טיכעלע די וואונד און געזאָגט:

— נו, מישקע, גרינגער אַביסל? איצטער, ברודער, קום... מיר זיינען, דוכט זיך, הונגעריק.

און פונקט ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הונטאַינע, האָט זיך נעבעך מישקע געשלעפט נאָך מיכאַלקען.

אָוונט־צו זיינען זיי געקומען אין אַ נייעם דאָרף.

מיכאלקע האָט אראָפּגענומען פֿון פלייצע דאָס אלטע שוואַרץ־געוואָרענע פּייקעלע מיט דעם זיידנס פֿאַרטריקנטע בלוט־טראָפּעלעך. נאָכמאַכנדיק דעם זיידן, האָט ער מיטן אויסגע־דאַרטן הענטל פֿלינק א קלאַפּ געטאָן איבער די גלעקעלעך.

* * *

די קינדער פֿון דערפֿל, אַנלויפֿנדיק אַפֿן רוף פֿון דעם פּיי-קעלע, האָבן זיך געוווּנדערט, אז אַ קליין יינגל פֿון 12 יאָר זאָל פֿירן אַזאַ גרויסן בער.

פֿון מינוט צו מינוט, און דער פּלאַץ איז געוואָרן שוואַרץ פֿון אוילעם.

איבעראַנייס האָט מישקע פֿאָרגעשטעלט דיזעלבע פּראָגראַם, וואָס באם זיידן.

— אַנו, מישינקע... ווייז נאָר ברודערקע, ווי אזוי אונ-דזערע סאָלדאַטעלעך... צושיסן אונדזערע פּויערים און ארבעטער.

— פֿיין... פֿיין... מאָלאָדיעץ.

— נו, מישקע, איצטער ווייז, ווי אזוי צאַנקאָוו קריכט אַפֿן בויך פֿאַרן קייסער...

און ווען די פּראָגראַם האָט זיך געענדיקט, האָט ער אַראָפּ-גענומען די היטל, און דער אוילעם האט גענומען רוקן די הענט אין די קעשענעס, מיינענדיק, אז ער וויל געלט פֿאַר דער פֿאָר-שטעלונג.

מיכאַלקע האָט געטאָן פּונקט ווי דער זיידע: אַ הויב גע-טאָן זיך, מיט אַ קאָפּ העכער געוואָרן און אויסגעשריִען:

— כ אַ ו ו ײַ ר י ם !...

אַלע האָבן זיך צוגעהערט.

— אָט אַף דעם פּייקעלע איז אונדזער בלוט... דאָ ניט ווייט אין צווייטן דאָרף... האָט מען נעכטן געהאַרגעט מיין זיידן... אַסאַך האָט מען דאָרט צולייגט... פֿאַרוואָס האַרגעט מען אונדז? דערפֿאַר, ווייל מיר קענען ניט אַריבערטראָגן דעם שווערן יאָך פֿון די שטייערן... דערפֿאַר, ווייל מיר ווילן לעבן פֿריי...

מיכאַלקען מיטן בער האָט מען איבערן גאַנצן דאָרף אַף די הענט געטראָגן. און צוקער האָט מישקע דאָס מאָל אַזוי פֿיל גע-געסן ווי קיינמאָל ניט.

און באַנאכט, ווען זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האט מיש-
קע געהערט, ווי די באַלעבאטים האָבן פאַרגעבן מיכאלקען אַ
פראַגע:

פלוצלונג האָט זיך מיקאָלע אַ שאָקל געטאָן און
איז געפאַלן מיטן פּאָנים צו דער ערד.

-- ווער ביסטו?

און מיכאַלקע האָט מיט גרויסקייט
אַרויסגערעט:

— אַ קאָמוניסט.

מיכאַלקע האָט דעם קאָפּ איינגעגוּרעט אין פוכיקן בויך פונם בער.

און געפרעגט שטיל:

— מישקע... און ווער וועט מיך פאַרבייטן אויב אַ קויל וועט מיך טרעפן?

דער בער האָט שווער אַ סאָפּע געטאָן, נאָר גאָרנישט ניט געזאָגט.

אַ בער קאָן דאָך ניט ריידן.

און מיכאַלקע, איינשלאָפנדיק, האָט געענטפערט זיך אליין אָנשטאָט דעם בער.

— אזוינע ווי מיר זיינען דאָ אַסאַך... אַלעמען וועט מען ניט אויסהאַרגענען...

מישקע ראטעוועט זיין ברודער.

סטאַסן איז געוואָרן 21 יאָר.

פאראיאָרן האָבן אים די פוילישע זשאנדארמען אַרעסטירט דערפאר, וואָס ער האָט אָרגאניזירט אפן זאוואָד אַ קאָמסאָמאָלי-שע קעמערל און האָט דערציילט די יאַטן, ווער איז אזוינס לע-נין און וואָס איז דאָס אזוינס ראטנמאכט.

אין פוילן טאָר מען ניט ריידן וועגן לענינען, קאָמוניזם, ראַטנמאכט.

די פריצים, קאפיטאליסטן—די רעדלפירער—דערלויבן זידלען די באָלשעוויקעס, און פאר די, וועלכע פרווון לויבן לענינען, די ראטנמאכט — פאַר די איז אָנגעגרייט אַ טפיסע מיט אייזערנע קייטן.

סטאַס האָט גאנץ גוט געוווסט דערפון, דעריבער האָט ער געהייסן די יוגנט פון זאוואָד זיך אופזאמלען אין וואַלד אפן דעק פון אַ גרוב...

נאָר די פוילישע שפיאָנען, וועלכע זיינען דאָ אף יעדן טראָט, האָבן זיך דערוווסט ווו עס קומט פאָר די פארזאמלונג און האָבן ארויסגעשיקט פאָליציי.

מיט נאהאיקעס האָבן זיי צוטריבן די פארזאמלטע; סטאַסן אָבער און נאָך 7 קאָמסאָמאָלצעס האָבן זיי ארעסטירט און אָפגע-פירט אין טפיסע.

סטאַסן אלס אָרגאַניזאַטאָר, האָט מען פאַרמישפּעט צו 7 יאָר קאַטאָרגע, און די איבעריקע—צו 3 יאָר יעדערן.

סטאַסן האָט מען גלייך געשמידט אין קייטן, צוגעשלאָגן צו דער וואַנט.

קיין קישן האָט מען אים ניט געגעבן, איז אים אויסגעקו־מען צו שלאָפן אַפן נאַסן, שטיינערנעם דיל, ווּ עס קריכן אום וואַנצן מיט לייז.

כוּך אים איז אין דעם צימער קיינער ניט געווען.

8 כאָדאָשים האָט ער זיך געמאַטערט.

עסן האָט מען אים געגעבן אַ שטיק רויען ברויט מיט אַביסל „קרופּניק“, פון וועלכן ס׳פלעגט פאַר 10 טריט שמעקן צע־פוילטקייט.



8 כאָדאָשים אין טפיסע.

ער האָט זיך געפּרוּווט קעגנ־שטעלן אזעלכע אָרדענונגען. ער האָט געזאָגט די טורמע-וועכ־טער, אז ער איז אַ מענטש, און ניט קיין כאַיע. מיט אַ כאַיע באַגייט מען זיך בעסער. פאַר די ווערטער פלעגן אים די וועכטער שלאָגן איבערן קאָפּ, אַף זיין פּאָנים לעשן פּאַפּיראָסן, ברענען זיין לייב מיט געגליטן אייזן.

אין 8 כאָדאָשים אַרום איז אים געווען שווער צו דער־קענען.

ער איז געוואָרן דאַר און בלאַס, פונקט ווי אַ טויטער. די אויגן זיינען געוואָרן איינגעפאַלן, און ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אים איז געווען אינגאַנצן 21 יאָר, האָבן זיך שוין אַפן קאָפּ באַוויזן גרויע האָר.

די אַלטע, קראַנקע מאַמע זיינע, פלעגט זיך קלאָגן אַף די טורמע-וועכטער פאַר דער העכערער „נאַטשאַלסטווע“, אָבער איין ענטפער פלעגט זי אומעטום הערן:

„דער הונט איז ווערט דעם שטעקן. ער איז א קאָמסאָמאָלעץ — זאָל ער שטארבן, ווי אַ הונט אונטערן פּלויט״.

נאָר אָט דערוויסט זיך די מאמע, אַז מען וויל סטאַסן איבערפירן אין אַן אנדער טורמע אַפּן נאָמען פון דעם „הייליקן קרייץ״.

דאָס איז די סאמע ערגסטע טורמע: קוים פאַלט מען אהין אריין, גייט מען שוין פון דאָרטן קיין לעבעדיקער ניט ארויס.

ווי זי האָט זיך עס נאָר דערוווסט, האָט זי גענומען וויי־נען, קלאָגן, רייסן אף זיך די האָר, געבראָכן די הענט.

מישקע, דער יינגערער ברודער, האָט אויך שרעקלעך געוויינט.

ער האָט געוווסט, אַז ער וועט שוין מער ניט אָנקוקן זיין ברודערס פּאָנים. וואָס טוט מען? וואָס פאר אַ מיטל קריגט מען צו ראַטעווען סטאַסן?

שפּעט באנאכט האָט מען א קלאַפּ געטאָן אין טיר, ווו עס וואָינט סטאַסיקס מאמע: אין צימער זיינען אריין הענריק און וולאַדעק, סטאַסיקס כאווירים—אויך קאָמסאָמאָלצעס.

הענריק האָט שטיל געזאָגט דער מאמען:

— ווען איר וועט בעטן די טורמע־נאטשאלסטווע, וועט מען אייך צולאָזן אף אַ זעונג, ווייל, ווען מען פירט אימיצן איבער פון איין טורמע אין אַ צווייטער, אָדער מען פירט שיסן. הענגען—לאָזט מען זיך זען מיט די עלטערן. פאר אונדז איז ניט וויכטיק, וואָס איר וועט זיך מיט אים זען, מיר האָבן באַ־שטימט ראַטעווען סטאסן, דעריבער דארף מען אים איבערגעבן אַ פּיילכל, אף איבערזעגן די קייטן, און מאכן די פּליטע (אַנט־לויפן).

— ווי אזוי זאָל איך איבערגעבן דאָס פּיילכל?

— מיר האָבן וועגן דעם זייער אסאך געטראכט, און באַ־שטימט אָט וואָס: איר זאָלט מיט זיך נעמען מישקען—ער איז אַ קליינער און מען וועט אף אים קיין אַכט ניט לייגן. מישקע

מיט נאהײקעס האבן זיי צוטריבן די פֿארזאמלונג

דארף האלטן אַ בולקע אין האנט, אין דער בולקע ליגט דאָס פּיילכל. און צום סאָף, ווען איר וועט זיך מיט אים סטארען צו קושן, זאָל מישקע אויך טאָן דאָסזעלבע, זיך פאנאנדערוויינען און זאָגן:

— סטאַסיק! סטאַסיק! מיר טוט ווי דאָס האַרץ פאַר דיר... נעם מיין בולקע, איך שענק זי דיר, איך פארמאָג מער גאָרניט.

סטאַס וועט נעמען אין האנט די בולקע, און וועט דערפילן, אז אין איר ליגט א פּיילכל.

די וועכטער וועלן גאָר קיינמאָל אין זינען ניט האָבן; און סטאַס דער טייערער, וועט שטילערהייט איבערזעגן די קייטן און וועט אנטלויפן.

די מאמע האָט אזש אַ פליעסקע געטאָן מיט די הענט:

—ניין! אויב די וועכטער וועלן באמערקן, וועלן זיי אף טויט פארשמייסן מיין מישקען.

נאָר הענריק און וולאדעק האָבן אלץ איינגערעדט די מוטער.

זי האָט געוויינט און ניט געוווסט, — איינשטימען אף דעם אָדער ניט.

איר האָט זיך זייער געוואָלט ראטעווען סטאסן, און זי האָט געציטערט פאר איר צעניאָריקן מישקען.

נאָר מישקע איז צוגעלאָפן צו דער מוטער און האָט שטיל איינגערוימט:

— ניט האָב קיין מוירע, מאמעשע... איך וועל דאָס דורכמאכן אזוי קונציק, אז די וועכטער וועלן ניט באמערקן, און סטאַס וועט אויסציִען. ניט האָב קיין מוירע, מאמעשע...

* * *

אף מאָרגן איז די מאַמע מיט מישקען געגאנגען זען זיך מיט סטאַסן.

דער פּאָנים איז בּא סטאַסן געוואָרן ווייס ווי קרייד. ער איז אנטקעגן זיי געשטאנען אַן אויסגעדארטער, און די הענט פאַרשמידט אין אייזערנע קייטן.

די מאמע האָט געוויינט, מישקע האָט געוויינט... נאָר וויי־נענדיק, האָט ער געדענקט, אז אין דער בּולקע, וועלכע הענריק האָט אים געגעבן אינדערפרי, געפינט זיך דאָס פּיילכל, און אַז דאָס פּיילכל וועט ראַטעווען סטאַס לעבן.

די טרערן האָבּן פון מישקען גערונען גלייך אף דער בּולקע; די בּולקע איז געוואָרן געזאלצן און מישקע האָט זי געלעקט מיטן צונג אין אלץ גע־וויינט, געוויינט..

סטאס אנטלויפט פון טורמע

דערנאָך האָט דער וועכ־טער, וועלכער איז די גאנ־צע צייט געשטאנען דער־ביי און נאָכגעקוקט, ווי די מוטער מיט מישקען זעגע־נען זיך מיט סטאַסן, אויס־געשריען:

— גענוג! נעמט דעם וועג?

ווי ער האָט דאָס אויס־געשריען, האָט די מוטער ארומגעכאַפּט סטאַסן, אויסגעקושט אים דעם פּאָנים. און הויך אפן קאָל פאנאנדערגעוויינט זיך. און מישקע האָט דערלאנגט דעם ברודער די בּולקע און אומעטיק געזאָגט:

— סטאַסיק! סטאַסיק! מיר טוט וויי דאָס הארץ אף דיר... נעם מיין בּולקע, — איך שענק זי דיר. איך פאַרמאָג מער גאָרניט...

— נו, נו, רוקט זיך — האָט אויסגעשריִען דער וועכטער. גענוג! נעמט די וועג!

קליִנגענדיק מיט די קייטן און האַלטנדיק אין האַנט מיִשקעס בולקע, איז סטאַס אוועק אין טפיִסע.

ס׳איז אויסגעקומען אזוי, ווי העגריִק מיט וולאדעקן האָבן געזאָגט.

סטאַס האָט איבערגעזעגט די קייטן און איז געלאָפן. מען האָט אין אים געשאָסן, נאָר ס׳איז געווען אַ פינצטערע רעגןנאכט, און סטאַסן האָט זיך איינגעגעבן באהאלטן זיך אזוי, אז די זשאנדארמען האָבן אים ניט געקאנט געפינען.

און מיִשקע לעבט ווי פריִער מיט דער מוטער, און שטענדיק זאָגט ער מיט שטאָלץ, אז ער וועט זיין אַ רעוואָלוציאָנער, ווי זיין עלטערער ברודער.



דער קלוגער לענין.

(אַ לעגענדע, וואָס ווערט דערציילט אין וויאַטקער גובערניע. די לעגענדע איז געשאַפֿן געוואָרן אין פֿאָלק גלייך נאָך לענינס טויט).

זיצט זיך לענין איינמאָל באַ זיך אין צימערל נאָך וואַרמעס און דערביי לייענט ער איבער פֿאַרשיידענע ביכלעך און צייטונגען.

אין וועלכער צייטונג ער זאָל ניט אַ קוק טאָן, וועלכן ביכל ער זאָל ניט עפֿענען, געפֿינט ער אַלץ וועגן זיך.

— וואָס דאַרפֿן מיר פֿאַר דער אַנטאַנטע ציטערן, וואָס דאַרפֿן מיר פֿאַר אַמעריקע זיך שרעקן, אַז באַ אונדז איז וולאַ-דימיר איליטש ל ע נ י ן!

מאָדנע איז געוואָרן לענינען; אויפֿגעשטאַנען איז ער פֿון שטול, דורכגעגאַנגען זיך איבערן צימער פֿון ווינקל צו ווינקל, און געזאָגט צו זיך אַליין:

— גוט, אַזוי וועל איך טאָן.

נאָכדעם שיקט ער רופֿן דעם גרעסטן סאָוועטישן דאָקטער.

ס'קומט דער דאָקטער, און לענין פֿרעגט אים:

— צי קענסטו מאַכן אזוי, אז איך זאָל שטארבן, אָבער ניט אף אן עמעס, נאָר איך זאָל אויסזען, ווי אַ געשטאָרבענער?

— איך קאן, וולאדימיר איליטש, נאָר צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס?

— איך וויל זען ווי וואָלט אָן מיר גיין... ווייל אלץ לייגט מען אַף מיר ארוף, אין יעדער זאַך פאַרלאָזט מען זיך נאָר אף מיר.

— גוט—ענטפערט דער דאקטאר,—דאָס קאן מען... מיר וועלן דיך אַוועקלייגן ניט אין א קייווער, אויבן וועלן מיר דיך מיט אַ גלאָז פאַרדעקן, קיינער זאָל דיך מיט די פינגער ניט טוקען.

נאָר אָט וואס, דאקטאר: קיינער זאָל פון דעם ניט וויסן— איך, דו און נאַדיעזשדא קאנסטאַנטינאָוונא.

אינגיכן האָט מען געמאלדן דעם גאַנצן פאָלק, אז לענין איז געשטארבן.

דער אוילעם קרעכצט און זיפצט, די קאָמוניסטן האָבן אויך ניט אויסגעהאַלטן אָן טרערן.

אַלע טראכטן: וואָס וועלן מיר איצטער טאָן? נאָר קוק, און די ענגלענדער מיט די פראַנצויזן וועלן זיך אונטעררוקן...

און נאָר דער עלטסטער, קאַלינין, רעט איין:

— וואָס קאנען מיר טאָן?—דאָס איז דאך ניט אין אונדזער מאַכט. מיט טרערן וועלן מיר ניט העלפן... נו, אויסגעוויינט זיך אויסגעזיפצט און גענוג... פאַר דער אַרבעט זיך גענומען!

אַוועקגעלייגט האָט מען לענינען אין א שפייכלערל—מאַוו-זאָליי רופט ער זיך—און אַ וואַך לעבן אים אַוועקגעשטעלט.

עס גייט דורך אַ טאָג, צוויי, א וואך, א כוידעש.

דערעסן געוואָרן לענינען צו ליגן אונטערן גלאָז.

איז ער אמאָל באנאכט אַרויס שטילינקערהייט דורך דער הינטערטיר פון מאווזאליי און אַוועק גלייך אין קרעמל, אין הויפט-באַלאַך, ווו עס קומען פאָר אלע זיצונגען.

באַ דער טיר האָט מען אים דורכגעלאָזן, ווייל אין קעשע-נע איז בא אים א שטענדיקער „פראָפוסק״ געלעגן. די היטל האָט ער אראפגערוקט נידעריקער, די רויטאַרמייער זאָלן אים ניט דער-קענען.

ס׳גייט דורך אהינצו לענין.

די זיצונג האָט זיך שוין געענדיקט, און די באַדינער רא-מען צו.

לענין פרעגט:

— געענדיקט?

— געענדיקט.

— עפּשער ווייסט איר, וועגן וואָס האָט מען גערעט?

— וועגן אלץ... הערסט—יאפאנער ווילן מיט אונדז מאַכן שאָלעם, און דארטן נאָך עטלעכע לענדער... מיר, האבן דורכן שפאַלט מיטן ברעג אויער געהערט, ניט אלץ פאַרשטאַנען.

— א-ז-וי. אזוי! און וועגן לענינען האט מען ניט דערמאָנט?

— פאַרשטייט זיך—דערמאנט... אָט זאגט מען: לענין איז געשטאָרבן, דערפאר אָבער איז קאמוניסטן אין צוויי מאל מע-רער געוואָרן... איצט נאָר גיב א פיפס, אַנטאַנטע...

— נ אָ ר ז י פ י פ ס ט נ י ט?

— דערווייל איז שטיל, מען הערט ניט.

— א-ז-ו י,—האט ווידער געזאגט לענין—און האָט זיך גע-זעגנט מיט די באדינער.

געקומען אין מאוזאליי, געלייגט זיך אונטערן גלאז און טראכט;

— פונדעסטוועגן ארבעט מען אָן מיר אויך נישקאשע. גוט! איך וועל אויספאָרשן נאך אין אייניקע ערטער, מאָרגן וועל איך צוגיין צו די ארבעטער אין פאַבריק.

אין דער קומענדיקער נאכט איז לענין אין פאַבריק אַוועק.

דארטן האט מען אים אויך ניט פאַרהאלטן—גלייך אין מא-שין-אָפטיילונג ארייננעפירט.

בּאַנאַכט איז אין פֿאבריק וו־יניק אוילעם, נאָר קעדיי אונ-
טערצוהאלטן דעם דאמף אין מאשין, איז געבליבן דער מאשי-
ניסט און עטלעכע וועכטער—קעדיי די שפיאנען זאלן ניט אריינ-
דרינגען אין פֿאַבריק.

דער זיידע לענין.

— אוילעם וועט קלעקן—טראכט זיך לענין—איך דארף דא קיין מיטינגען ניט האלטן, איך דארף נאָר וועגן עפּעס אַ פֿרעג טאָן.

— גוט מאָרגן, כאַוויירים!

— גוט מאָרגן!

— נו וואָס? ווי ארבעט זיך?

— נישקאשע.

— איר זייט אומפּאַרטעיִשע?

— ביז לענינס טויט זיינען מיר אומפּאַרטעיִשע אומגעגאַנגען, און איצט זיינען מיר קאָמוניסטן,—לענינצעס.

לענינען זיינען די ווערטער ווי פּוטער איבערן האַרצן.

— און אין דער ארבעט איז קיין שטערונג ניטאָ? און סכוירע לאזט איר אסאַך אַרויס?—האָט אנגעהויבן לענין מיט פֿראגן פֿארשיטן.

— אינגיכן וועלן מיר זיך מיט דער פֿאַרמילכאמע-צייט אויסגלייכן...

— נו, ארבעט אין א גוטער שאָ, דערווייל—אַ גוטן!

—דאָ איז גוט,—טראכט לענין אפֿן וועג צום מאַוזאליי, עס איז מיר געבליבן נאָר וועגן דעם פויערשן לעבן דערוויסן זיך.

אַף דער דריטער נאכט איז לענין אופגעשטאַנען פֿריער.

מע דארף דאך דורכגיין ביז דער סטאַנציע, און דערצו נאָך, פֿון דער סטאַנציע ביזן דארף וועט נאָך אויסקומען צופֿוס גיין.

אין דאָרף איז ער צוגעגאַנגען צום אָרעמסטן שטיבל, קע-דיי ער זאל דייטלעך קענען זען דאָס פויערשע לעבן.

אין הייזל א פֿייערל פֿינקלט. אהינצו איז לענין אַריין.

— קאָן מען דא אפרוען?

— גיי אריין!

גייט אריין לענין און וואונדערט זיך: קיין געטער איז אין יויִנקל ניטאָ.

פלאקאטן רויטע אומעטום, פּאָרטרעטן.

לענין האָט א פֿרעג געטאָן:

איר גלויבט ניט אין גאָט?

— מיר, כאַוועך, זיינען שוין פרייע בירגער, און בא אונדז איז א לייען-שטיבל, און אָט איז דער לענין-ווינקל.

— אויך דאָ געדענקט מען ביך—קלערט לענין.

— נו, און ווי איז אייער פּויערישׁ לעבן?

— ניט גאָר גוט, נאָר אף ווייטער וועט עס זיך פאַרבע-סערן, איצטער הערט מען: מיטן פאָנים צום דארף האט מען זיך אַ קער געטאָן. לענין האָט שוין לאנג וועגן „סמיטשקע" זיינע קא-מוניסטן גערעט. מען האט שוין לאנג געדארפט אזוי.

אַרויס איז לענין פון שטוב א צופרידענער. —

אין מאַוזאָליי האט ער זיך געלייגט אַ רויקער און שלאָפט, אָט איז שוין אַסאַך טעג נאָך זיין אויספּאָרשן.

איצט וועט ער זיך גיך אופכאַפּן, און אַ פרייער וועט דאס זיין!—ניט מיט ווערטער צו דערציילן, ניט מיט טינט צו בא-שרייבן.

ווי האָבן אַמאָל קינדער געפ״ערט דעם 1טן מאַי

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָבן מיר אַרבעטער־קינדער שוין געוווּסט וועגן 1־טן מאַי.

מיר פּלעגן העלפן אונדזערע טאַטעס איינאָרדענען די מאַי־פאַרזאַמלונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען אומלעגאַל אין אַ וואַלד, מאַי־דעמאָנסטראַציעס, אָנטיילנעמען אין זיי.

איך געדענק, ווי מיר קינדער האָבן אין 1903 יאָר געפּײַערט דעם 1־טן מאַי אין שטאָט דווינסק.

אַ שטרייק אין טאַלמודטוירע.

אַרבעטער־קינדער האָבן זיך אַמאָל געלערנט אין טאַלמודטוירע.

איר, קינדער, געדענקט שוין ניט, וואָס איז דאָס אַזוינס.

אין טאַלמודטוירע פּלעגט מען אָרעמע קינדער לערנען אומזיסט, שטאָפּן אין קאָפּ: כומעש, סידער, טאַנאַך פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין טאַלמודטוירע איז געווען ערגער ווי אין כיידער, ווייל דאָ פּלעגט מען לערנען אומזיסט, און די קלעפּ, וואָס מיר פּלעגן אַלע טאָג כאַפּן פון רעבן, איז ניט איבערצוציילן.

די טאַטעס אונדזערע, די עלטערע ברידער זיינען געווען אַרבעטער, און אינדערהיים פּלעגן מיר אָפּט הערן וועגן אַ פאַרזאַמלונג, זען אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס זיי פּלעגן ברענגען.

די מאַיסע, וואָס איך וועל אייך דערציילן, איז פאָרגעקומען דעם 1־טן מאַי.

ערעוו דעם 1-טן מאַי איז אין וואלד, הינטערן שטאָט, גע-וועזן אַן אומלעגאלע פֿארזאמלונג.

די קינדער האָבן פֿארשטרייקט.

אַף דער פֿארזאמלונג האָט מען גערעט וועגן 1-טן מאי און אַלע ארבעטער האָבן באַשטימט פֿייערן דעם 1-טן מאַי, 1-טן מאי ניט גיין אַרבעטן, 1-טן מאַי שטרייקן.

אַף דער פֿאַרזאמלונג זיינען געווען עטלעכע יאטלעך פֿון טאלמודטוירע.

ווי זיי האָבן דערהערט, אַז 1-טער מאַי איז אַ יאָנטעוו און זייערע טאטעס און ברידער וועלן ניט אַרבעטן, האָבן זיי באשלאָסן:

— 1-טער מאי דארף זיין בא אונדז קינדער אויך א יאָנטעוו!

אַף מאָרגן האָבן זיי אין טאלמודטוירע צונויפֿגערופֿן אלע קינדער און געזאָגט:

— 1-טער מאי איז אַ יאָנטעוו בא אלע אַרבעטער.

1-טן מאי וועלן אונדזערע טאטעס און ברידער ניט גיין אף דער ארבעט, זיי וועלן שטרייקן.

מיר זיינען אַרבעטער-קינדער; 1-טן מאַי דארף זיין בא אונדז אויך אַ יאָנטעוו.

1-טן מאי דארפֿן מיר אויך שטרייקן.

1 מאי זאָל קיינער ניט קומען אין טאלמודטוירע, 1 מאי וועלן מיר זיך ניט לערנען.

און די „טאלמודטאטניקעס„ האָבן פֿארשטרייקט.

1 מאי איז קיינער ניט געקומען אין טאלמודטוירע.

אַף מאָרגן. האָבן זיי געכאפט קלעפּ, ווי האָגל, נאָר עס מאכט ניט אויס.

אָפּגעהיט פֿון דער פּאָליציי.

אַביסל עלטערע קינדער זיינען שוין געווען אָרגאניזירט, און צוזאַמען מיט די עלטערע ברידער, מיט די טאטעס, האָבן זיי געגרייט דעם 1-טן מאי.

פֿאר 1 מאי פֿלעגן זיי צוווארפֿן די מאי-פּראָקלאמאציעס, וואָס האָבן גערופֿן די אַרבעטער פֿייערן דעם גרויסן ארבעטער-יאָנטעוו און דערקלערט וואָס פֿאר אַ יאָנטעוו דאָס איז.

זיי פֿלעגן אָפּהיטן די מאי-פֿאַרזאמלונגען פֿון דער פּאליציי.

זיי פֿלעגט מען צושטעלן פֿאר פּאטרולן (היטער).

טאָמער פֿלעגט אַ יאט—א פאטרול דערזען א זשאנדאַרם, פֿלעגט ער אַ פֿייף טאָן; דעם פֿייף פֿלעגט דערהערן א צווייטער פאטרול און מיט אַ פֿייף אָנזאָגן דעם דריטן, דער דריטער דעם פערטן און אזוי ווייטער, ביז דעם פֿייף פֿלעגט ניט דערהערן דער

אריינגעפּאַלן ברידערלעך...

פאטרול, וואָס שטייט נעבן אָרט, ווו עס קומט פֿאָר די פֿאר-זאמלונג.

דער לעצטער זאָגט שוין אָן די ארבעטער, און ווען די פּאָ-ליציי פֿלעגט קומען, איז שוין אפֿן אָרט קיין לעבעדיקער מענטש ניט געווען.

און אזעלכע גוטע פּאטרולן האָבן געקאָנט זיין נאָר די קליינע יאטלעך.

זיי פֿלעגן אַרופֿקריכן—ווער אף א פּארקאן, ווער אף א בוים, ווער אף אַ דאך, און דער פּאָליציי פֿלעגט אפֿילע אין קאָפּ ניט איינפֿאלן, אז די יאטלעך זיינען פּאטרולן.

— ווייניק יינגלעך זיצן אף בוימער און פּייפֿן?

פֿאַרוואָרפֿן מיט שטיינער.

די מאי-דעמאָנסטראציעס זיינען אין יענע יאָרן ניט געווען אזעלכע ווי איצט. ווי זיי פֿלעגן נאָר ארויסגיין אין גאס מיט אַ רויטער פֿאָן, מיט רעוואָלוציאָנערע לידער, גלייך פֿלעגט אָנפֿאלן די פּאָליציי אף דער דעמאָנסטראציע, צוטרייבן, ארעסטירן, שלאָגן די דעמאָנסטראנטן.

קעדיי צו באשיצן זיך פֿון דער פּאָליציי, פֿלעגט די גאנצע דעמאָנסטראציע זיין ארומגערינגלט מיט ארבעטער, וועלכע האָבן געהאט געווער—זיי האָבן זיך גערופֿן „קאמף-אָטריאד“. (боевой отряд).

ווען די פּאָליציי פֿלעגט אָנפֿאלן, פֿלעגן זיי באשיצן די ארבעטער, און איבערהויפּט דעם פֿאָן-טרעגער, ער זאָל קאָנען אנטלויפֿן מיט דער פֿאָן; די פֿאָן, זאָל ניט אריינפֿאלן אין די הענט פֿון די זשאנדארמען.

די קליינוואַרג פֿלעגט אלע מאָל אנטיילנעמען אין די מאי-דעמאָנסטראציעס, און פֿלעגט זיין אין קאמף-אָטריאד.

ס'פֿארשטייט זיך, קיין רעוואָלווערן האָבן זיי מיט זיך ניט געהאט; פֿולע קעשענעס מיט שטיינער—דאָס איז געווען זייער געווער.

מיט שטיינער פֿלעגן זיי גוט אָנטרעפֿן די זשאנדארמען, און ניט איינער פֿלעגט אוועקגיין מיט א צובלוטיקטן קאָפּ.

אָט אזוי פֿלעגן אַמאָל קינדער פֿייערן דעם 1-טן מאי.

סאַן-לי

סאַן-ליִ איז א ריִקשע, טשאנג-פו אויך אַ ריִקשע.

זיי זיינען צוויי כאַווייריִם, פאַרבונדענע מיִט איין ארבעט און נאָענטער שכיינעשאַפט.

זיי זיינעןביידע געלעגן באם פאָרט אַף גרויסע שווערע ברעטער. זייערע וועגעלעך זיינען געשטאַנען נעבן זיי.

עס האָט שוין אָנגעהויבן פינצטער ווערן, נאָר סאַן-לי האָט אַפילע ניִט אָנגעהויבן קלערן צו גיין אַהיים: באַ איִם איז אַפיִלע קיין גראָשן ניִט געווען.

וואָינען וואָינט סאַן-ליִ באַ אַן אַלטער כינעזערן. עס האט איִם פאַרקויפט זיין אייגענע מוטער צו דער שלעכטער פרוי.

אַרבעט ער איצט באַ איר. זיין מוטער איז געשטאָרבן פון הונגער.

די פרוי שלאָגט אָפט סאַן-ליִ, ווען ער ברענגט ניִט קיין געלט.

סאַן-ליִ האָט מוירע צו גייִן אַהיים—ווו זאָל ער נעמען געלט ?

קיינער אַרבעט איצט ניט. די ענגלענדער און פראַנצויזן האָבן זיך פאַרשלאָסן אין זייער קווארטאל און האבן מוירע זיך צו באַווייזן אַף די גאַסן.

די שטרייקנדע כינעזישע ארבעטער שלאָגן די אויסלענדער; זיי שלאָגן דערפאַר, ווייל מען האָט זיי פריער געשלאָגן.

קיינער אַרבעט יעצט ניט אף די פאַבריקן.

פאַבריקן רויכן ניט, די קוימענס רויכערן ניט, דער פאָרט איז טויט. די קולעס האָבן אומעטום אופגעהערט צו אַרבעטן.

אויב די אלטע אַרבעטער אַרבעטן ניט פאַר די ענגלענדער— צו וואָס זשע דאַרף ער, דער קליינער סאַן-לי, אַרבעטן? ער איז דאָך אויך אַ כינעזער.

דעם דריטן טאָג, אַז ניט סאַן-לי, ניט טשאנג-פו אַרבעטן— מ׳איז הונגעריק.

זיי ליגן איצט און קייען שטיקלעך גומע, אָפגעריסענע פון די רעדלעך פון זייערע וועגלעך. —

פון דעם גומע איז דאָס מויל פול מיט שפייעכץ. און די יאַטן דוכט זיך, אז זיי עסן גוטן אָפגעקאָכטן רייז, איבערהויפּט— ווען זיי פאַרמאַכן די אויגן.

טשאַנג-פו איז נאָר וואָס צוגעפאָרן, ער איז געווען אַפן מאַרק. איינבויגנדיק זיך איבער סאַן-לי, רעט ער קוים, קוים:

— דריי טעג, אַז מיר אַרבעטן ניט, דריי טעג אַ גאַניידן. עס וועלן פאַרהיילט ווערן די שמיץ פון די ווייסע באַלעבאַטים אַף אונדזערע רוקנס.

דו ווילסט הערן אַ שיין מאַיסעלע וועגן זיי... און וועגן אים?... כ׳האָב עס היינט אפן מאַרק געהערט... — ווילסט?

סאַן-לי האָט אופגעהערט צו קייען דעם גומע און צוגע-שאָקלט מיטן קאָפּ.

— כ׳וויל... זייער... כ׳וויל... כ׳וויל...

סאַן-לי האָט ליב מאיסעלעך און דערציילונגען וועגן דעם וייטן לאַנד, וועגן וועלכן ער האָט אמאָל געהערט פון די אַלטע אַרבעטער, ווו פון הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ רויטער שטערן

אין כינע שפאנט מען איין מענטשן אַנשטאָט פֿערד.

און זיך צווויינס. און טרערן זיינען גערונען איבער דעם פֿאַר־קנייטשטן פּאָנים אַף דער גלאָז.

אַ הייסע ~~איז~~ געווען די טרער, — דאָס הארץ האָט אָנגעהייבן קלאַפּן, און די אויגן פֿונם קלוגן גרויסן זאָקן האָבן זיך אַביסעלע אָפּגעעפֿנט.

די הייסע ביטערע טרער פֿונם כינעזער האָט ארויסגערופֿן אַ ווונדער, און דער זאָקן האָט געזאָגט.

— וואָס וויינסטו אָרעמער כינעזער?... וואָס האָסטו פֿאַר־לאָרן? ווער האָט דיך באַליידיקט?

דער כינעזער איז שוין געוואָרן קלוג. ער האָט געזען דעם גרויסן קלוגן זיידן.

— דאָס וויינט מיין פֿאָלק.

דיין קייזער האָט אונדז כאָכמע געגעבן. מיר זען און וויסן איצטער, צוליב וועמעס טויט און צוליב וועמען מיר וויינען...

טשאַנג־פֿו האָט ניט פֿאַרענדיקט זיין מאיסעלע, ער האָט שטאַרק אַ געשריי געטאָן פֿון א קלאַפּ, וואָס ער האָט באַקומען אין זייט.

דערציילנדיק, האָט ער ניט באַמערקט, ווי ס׳זיינען צוגע־גאַנגען צו אים עטלעכע באַוואָפֿנטע אויסלענדער און צווישן זיי צוויי דאַמען.

טשאַנג־פֿו האָט גיכע פֿיס.

ער איז אָפּגעשפּרונגען און גיך ווי א פֿייל אַ לאָז געטאָן זיך אין דער פֿינצטערער נאַכט.

— גראָד אַ ריקשע... זייער גוט, — האָט געזאָגט אַן אָפֿי־צער, — זיי שטרייכן די הינט... גיין אייך, מאדאם, איז ווייט — אָט ער וועט אייך צופֿירן. שטיי אוף קליינער שעד... פֿיר... דאַמען...

סאַן־לי האָט געקלערט:

— די אַלטע אַרבעטן ניט: זיי זיינען קלוג — זיי האָבן געבראַכט כאָכמע פֿונם גרויסן, גרויסן קלוגן זאָקן. דער אָרעמער כינעזער...

איך בין אַ קליינער כינעזער — כ׳וועל זיי אויך ניט פֿירן און אויך זיין קלוג.

ער האָט געשוויגן.



ווי לייגן זיי

וואָס עס האָט פּאַסירט מיט שעסענען.

סערוזש שעסען האָט איינגעדרעמלט... דאָס קליינע נאַכט-לעמפּעלע האָט מיט אַ רויט פֿייערל קוים באַלויכטן דעם קליינעם טישל. דאָס פֿייערל האָט צאַפּלדיק געפֿלאַנטערט זיך אַף זיינע ברעמען. אין דער נאַכט האָט שעסען אַ שרעקלעכן כאָלעם געזען.

שעסען אין לאַנד פֿון מענטשנפֿרעסער.

שעסען איז גיך אַריין אין צוג מיט אַ בילעט פּאַריזש-מאָסקווע. ס'האָט קיין סאַך ניט געדויערט—ער איז שוין געווען אין ראַטן-פֿאַרבאַנד.

אָרעמער, אָרעמער שעסען! ווי האָבן געקענט דיינע נערוון אויסהאַלטן אַזעלכע שרעקלעכע מאַיסים?!

דאָס ערשטע, וואָס שעסען האָט געזען, האָט אַף אים אַזוי געווירקט, אַז באַלד זיינען בא אים אָפּגענומען געוואָרן הענט און פֿיס.

אַף איינע פֿון די מאָסקווער גאַסן, אַרום אַ גרויסן טיש, זיינען געזעסן 20 יאַטן מיט רויטע האַלדזטיכער, און האָבן אים אומגעדולדיק געקלאַפּט מיט די פֿויסטן אין טיש.

— גיכער, וואָס איז דאָרטן?

— וואַרט צו אַ מינוט! באַלד וועט זיין פּאַרטיק,—האָט צו זיי געשריען דער קאָמאַנדיר.

דער קאָמאַנדיר האָט שאַרף געקוקט אַף די דורכגייער.

צום סאף, האט ער איינעם אויסגעקליבן, אַזאַ געזונטן, ברייט-ביינערדיקן—ווייזט אויס אן אויסלענדער—אים א כאַפּ געטאָן און א וואָרף געטאָן אַפּן טיש.

— בייסט אים!

די קינדער מיט די רויטע האלדזטיכלעך האבן אף שטיקלעך צעריסן דעם געזונטן דזשענטעלמען און מיט גרויס אַפּעטיט אופגעגעסן זיין פלייש.

ווער עס האט אַרומגעלעקט די הענט, ווער די פיס,—נאָר דער קאָמאַנדיר האָט געשמאַק געגעסן די לונגען, באַשאָטן דאָס מיט פעפער און אויסגעמישט מיט עסיק.

אַז די קינדער האבן פאַרענדיקט עסן דאָס פלייש פון דעם אויסלענדער, זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען פון טיש; זיי האבן געברומט ווי כאַיעס און געזונגען א ליד:

„מיר וועלן אויסזעצן די פענצטער,
די טירן אויסהאקן מיט שטיינער;
אַלע בייכיקע בורזשועס
צובּרעכן וועלן מיר די ביינער...
בום, בום און פאַרטיק!
די קאמפּאַרטיי איז אונדזער פאָטער,
קאָמינטערן אונדזער מוטער".

שעסען האט דערקענט, לויטן מאָטיוו און לויטן אינהאלט, אַז דאָס ליד איז דער „אינטערנאַציאָנאַל".

—

די קליינע באנדיטן אין די רויטע האלדזטיכלעך.

דער גאַנצער קערפּער האָט בא שעסענען געציטערט.

ער האט זיך א וואָרף געטאָן, קעדיי צו אַנטלויפן פון די מענטשנפרעסער.

ער איז אַריינגעלאָפן דורך א צועפנטער טיר אין אַ געביידע, ווו עס איז געווען אן אופשריפט: „שול".

דאָ אין שול איז געווען לעבעדיק און פריילעך.

איינער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט געמאָלדן:
באַלד וועט זיך אָנהויבן די זיצונג פֿונם פּעדאַגאָגישן ראַט.
איך בעט מאַכן אַ וועג פֿאַר די דעלעגאַטן פֿון די שילער.
ס'האָבן זיך מיטאַמאָל א לאָז געטאָן א מאַכנע קליינע באַנ-
דיטן מיט רויטע האַלדזטיכלעך. עס זיינען געקומען די לערער
און די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן.



די בורזשויען זאָגן, אַז מיר עסן קינדער.

דער עלטערער האָט אין נאָמען פֿון לונאַטשאַרסקין גע-
וועגדט זיך צו די שילער:

— ווי איז אייער לאַגע—אַ באַפֿרידנדיקע צי ניט?

סערזש שעסען האָט באַשלאָסן זיך באַהאַלטן, כדי ניט
אָנקוקן זייערע עקלדיקע מאַיסים.

„צווייען האָט מען געשאָסן“.

ער האט זיך באהאלטן אין א פינצטערן ווינקעלע, גע-
שטאַנען און געציטערט.

אָט דאָ, ווו ער איז געשטאַנען, האבן זיך געפונען פאָר-
שטייער פון ג.פ.או. עטלעכע קאָמסאָמאָלצעס מיט ביקסן און קינ-
זשאַלן האבן געהיט די אָרדענונג פון שול. און וועגן אַלצדינג,
וואָס ס'פלעגט זיך אָפטאָן דאָ, האבן זיי איבערגעגעבן אין
ג.פ.או.

די לימודים אין שול האבן זיך געענדיקט. אלע האבן זיך
געשטעלט אַף די קני פאַר לעניגס בילד, אין די הענט האבן די
קינדער געהאלטן וועקסענע ליכטלעך.

— זינגט דעם אינטערנאַציאָנאַל!—האָט א קאָמאַנדעווע גע-
טאָן דער לערער.

די קינדער האבן מיטאמאל אויסגעשריען:—„מיר וועלן אויס-
זעצן די פענצטער, אויסהאקן מיט שטיינער“...

צוויי קליינע יינגלעך האבן ניט געוואָלט זינגען, האבן זיך
באלד א לאז געטאָן צו זיי די פאָרשטייער פון ג.פ.או., געכאַפט
ביידע קינדער, אַרויסגעפירט זיי אפן הויף און דערשאָסן.

מע דאַרף באַרויבן 20 דורכגייער פאַרן פאָנד פון די מענטשנפרעסער.

אַ צינד דאַרף מען גיין אהיים, אַף דער נאַכט וועלן אַרבעטן
די קרייזן. די מיטגלידער פון „אַפיקוירעס“ דאַרפן זיין אָנגעטאָן,
ווי גאַלאָכים.

דער קרייז פון גאַנאָווים דאַרף איינגיכן אַף א נאָענטן וועג
באַרויבן 20 דורכגייער, און דאָס געלט דאַרף מען אָפגעבן אין
פאָנד פון די מענטשנפרעסער.

* סערזש שעסען איז אַוועק אַפֿן וואָקזאַל גענומען א בילעט מאָסקווע-פּאַריזש. דער צוג האט א פּייף געטאָן און שעסען האָט זיך אופגעכאפּט.

באַלד האָט ער פֿאַרשריבן אַלע זיינע איינדרוקן, וואָס זיי־נען געווען אָפּגעדרוקט אַפֿן ערשטן בלעטל פֿון דער צייטונג „עקא דע פּאַרי״. (א נאָמען פֿון א פֿראַנצויזישער צייטונג).

* * *

פּריילעך וועלן לאכן די כעוורע, וועלכע וועלן לייענען אָט די פּאַסירונגען.

— איר מיינט, כעוורע, עפּשער, אז דאָס איז גלאַט אויס־געטראַכט פֿון אונדזער פֿאַנטאַזיע, קעדיי עס זאָל זיין אַ פּריילעכע, דערציילונג?

ניין! זייער שווער וואָלט געווען פֿאַר אונדז אויסטראַכטן אַזאַ נאַרישע מאַיסע!

אָט די אַלע פּאַסירונגען זיינען געווען געדרוקט אין איינע פֿון די פֿראַנצויזישע צייטונגען.

די בורזשואזיע האט פּיינט אונדזער ראַטן-מאכט; די בור־זשואזיע האָט מוירע פֿאַר דער „באַלשעוויסטישער אָנשטעקונג״, דערפֿאַר פֿאַרשפּרייט זי אַזויפֿל ליגנס וועגן רוסלאַנד.

זי מאלט אונדזער לאַנד, ווי א לאַנד פֿון מענטשנפֿרעסער, פֿון ווילדע א.אז.וו. מיט דעם וויל די בורזשואזיע אויסוואָרצלען בא די מאַסן דעם ווילן פֿון מאַכן א רעוואָלוציע. נאָר צו גאָר־נישט לאָזן זיך אויס אַלע מיטלען, וואָס די בורזשואַזיע געמט אָן.

די אַרבעטער פֿון דער גאַנצער וועלט האָט זיך שוין איינ־געגעבן צוקלאַפּן די וואַנט פֿון פֿאַלשקייט און ליגן, מיט וועלכער די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט אונדז אַרומגערינגלט.



די וואונדערשפּילקע.

1.

געדיכטע גרויע וואָלקנס האָבן באהאנגען דעם הימל פון „אַלט זאגאריע“ (אַן אָרט אין באָלגאַריע), צווייקט און צונעצט דעם זאַמדיקן, בלאָטיקן וועג, איבער וועלכן אַ דורכגעווייקטער פון רעגן איז געגאַנגען מיכאליעק, פריילעך איבערטאַנצנדיק דורך קרו־מע געסלעך צו דער שול צו.

מיכאליעק האָט זיך אָפּטמאָל אָפּגעשטעלט, אָנגעטאַפּט אַף זיין ברוסט און רויק צו זיך געזאָגט:

— ס'איז גאַנץ!

ווייניק איז דען דאָ גוטע זאַכן אַף דער וועלט?

מיכאליעק וואָלט אָבער קיינמאָל ניט פאַרבייטן דאָס „קליי־נע שאַרפע שפּילקעלע“, וועלכע איז געווען אָנגעטשעפּעט אַף זיין העמדל און וועלכן ס'איז געווען אָנגעמאָלט...

ווער?

לענין!

מיכאליעק איז אַ קליינינקער באָלגאַרישער לענינעץ.

זיין פֿעטער האָט אים געשענקט דאָס ווונדערלעכע שפּילקע־לע מיט די ווערטער:

— אָט ווער ס'האָט ליב געהאַט קינדער.

כ'האָב עס אָפּגעקויפֿט באַ איינעם אַ קאָנטראָבאַנדיסט... דו ביסט אַ לענינעך, דאַרפֿסטו האָבן זיין בילד... טשעפּע אים צו באַם סאַמע האַרצן—ווייל זיין האַרץ האָט געקלאַפּט איינינעם מיט אונ־זערע, געוויטיקט פֿאַר אונדז...

.2

ווייניק איז געווען לענינצעס אין שול, אינגאַנצן דריי.

מיכאַלקע האָט אַלעמען געגעבן באַטראַכטן די שפּילקע, און זיי האָבן צווישן זיך אָפּגערעט:

טראָגן וועט דאָס טייערע שפּילקע יעדן טאָג אַן אַנדערער.

דאָס האָט אונטערגעהערט איגנאַש קאַזור, אַ זון פֿון אַ היגן סויכער, וועלכער איז באַלד נאָך די לימודים אַריינגעלאָפֿן אין קאַ־בינעט פֿון דירעקטאָר.

— מיכאַליעק ווייניטש האָט געבראַכט אין שול לענינען... ער באַווייזט אים אַלע שילער און גרינדעט אַן אָטריאַד... זיי זיי־נען אינגאַנצן דריי, היינט האָט מיכאַליעק אריינגענומען נאָך פֿיר...

דער דירעקטאָר איז אופֿגעשפּרונגען און אופֿגערעגט גע־פֿרעגט:

— וואָס פֿאַר אַ לענין האָט ער געבראַכט?

— אַ שפּילקע און אַף איר אַ קיילעכדיק קנעפּעלע, און זיי טראָגן דאָס מיט גרויסקייט, און אַלע טאָג טראָגט דאָס אַן אַנ־דערער...

* * *

דער דירעקטאָר האָט געשריען און מיט שוים אפֿן מויל גע־וואָרפֿן זיך איבערן קלאַס, געבעטן באַווייזן די שפּילקע.

— האָט מען זי אים באַוויזן.

געשטאָרבן רויִק מיִט דער וווּנדערשפּילקע אויפֿן האָרצן.

אָבער ווען ער האָט זי געוואָלט צונעמען, איז זי ניט גע־וואָרן.

די שפּילקע איז ניטאָ!

* * *

מיכאַליעקן האָט מען פון שול אַרויסגעטריבן פאַר „שלעכט פירן זיך".

מען האָט אויך אַרויסגעטריבן מיט אים נאָך פינף יאַטן.

ווען מיכאַליעק מיט זיין כעוורע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון די טרעפּ, האָבן זיי אַלע אײַנײַנעם הויך פאַרצויגן דעם „אינטער־נאַציאָנאַל", און די קליינינקע שפּילקע האָט זיך טייקעף ווייטער באַוויזן אַף מיכאַליעקס ברוסט.

.3

אין דער „אַלטער זאַגאַריע" האָט די „אַכראַנקע" געאַרבעט אַף אַלע קיילים. דער מעלוכע פירער פון באַלגאַריע—צאַנקאָוו—האָט פאַרגאָסן בלוט פון אַרבעטער און פּויערים.

מ'האָט געהאַרגעט אַף די גאַסן.

אין די הייזער, פעלד, וואַלד—אומעטום, ווי מע האָט נאָר אַ מענטשן כוישעד געווען, אַז ער געהערט צו די קאָמוניסטן.

אַ יאָסעם איז געבליבן מיכאַליעק.

דעם פאָטער האָט מען אין וואַלד געשאָסן.

דער פעטער איז אַנטלאָפן אין די בערג. געלעבט האָט מי־כאַליעק איינזאַם אין זיין כאַלופּע.

ער האָט ניט געוויינט, ס'איז אים ניט געווען אומעטיק.

צו אים פלעגן זיך אַף דער נאַכט צונויפקלייבן יונגע לע־נינצעס. געלייענט רעוואָלוציאָנערע ביכלעך, וועלכע מיכאַליעק פלעגט קריגן בא די קאָמיוגיסטן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון דער אָכראַנקע, געאַרבעט אונטערערדיש.

די שפּילקע, וועלכע האָט ליבלעך געשמייכלט מיט די האלב־אָפענע אויגן פון לעניִנען, איז שטענדיק געווען אף מיכא־ליעקס ברוסט.

* * *

איין מאָל באנאכט ווען די יאטן האבן געלייענט, האָט מע פלוצים אָנגעקלאַפּט אין פאַרהאנגענעם פענצטער.

לאנג האָבן זיי באהאלטן די ביכער דערנאָך אופגעעפנט די טיר.

ס'זיינען ארײַן די אגענטן פון פּאָליציי. איינער א גרויסער, געלער פּאָליציאנט האָט אָנגעכאפּט מיכאליעקן פאר די האָר און אויסגעשריִען:

— דו ביסט אונדז שוין דערעסן...

— אָט די קרענק מוז מען פארניכטן אין די וויקעלעך.

דער געלער האָט ארויסגענומען א רעוואָלווער און אויסגע־שאָסן מיכאליעקן גלייך אין מויל ארײַן.

מיכאליעקן האָט א קלאפּ געטאָן אין קאָפּ, אלצדינג האָט זיך אים אָנגעהויבן דרייען און ער איז אנידערגעפאלן.

די כעוורע יאטן האבן צובראָכן דעם לאָמפּ, א וואָרף געטאָן אף די פּאָליציאנטן און זיינען אנטלאָפן.

מיכאליעק איז איינער געבליבן אין א לוזשע בלוט.

די בלייכע לעוואָנע האָט מיט א ווייסן זילבערנעם שטראַל זיך געשפּיגלט אין זיין וווּנדערלעכער שפּילקע.

4.

ס'איז געווען סאָף אווגוסט.

די לעגינצעם האָבן געפייערט די אינטערנאציאָנאלע קינדער־וואָך.

זיי האָבן געארבעט אומלעגאל, אָפּט פון אלע עקן „זאנאריע־פלעגן די יאטן זיך צונויפקלייבן אפן בעסוילעם.

צום ערשטן טאָג פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער קינדער-וואָך האָבן אַלע יאַטן פֿון גאַנץ „זאַגאַריע" זיך צונויפֿגעקליבן אַרום זיין קייוועך.

ס'איז געווען באַ הונדערט פּופּציק כעוורע, אַלע אין רויטע האַלדז-טיכלעך.

דער עלטסטער פֿון אָטריאַד, טימקאָ — אַן אַמאָליקער מיכאַליעקס אַ כאַווער — האָט געזאָגט:

— מיר זיינען אויף מיכאַליעקס קייווער..* ער האָט דער ערשטער געגומען אָרגאַניזירן פֿון אונדז אַן אָטריאַד... אַרום דער לענין-שפּילקע... מיט איליטשן... אים האָט געטויט די פּאָליצייי.. אויפֿן אָרט פֿון זיין פֿאַרלאָרענער שפּילקע זיינען געקומען אויף זיין קייווער הונדערט פּופּציק...

מיר, פּיאָנערן, זיינען פֿאַר דער בורזשואזיע שאַרפֿע שפּילקעס, מיר לאָזן זיי ניט רוען... מיר שטעכן זיי אין האַרצן... טויטן אָבער קענען זיי אונדז ניט...

היינט האָט מען געטויט איינעם, מאָרגן וועלן אים צען פֿאַרבייטן.

* * *

מיכאַליעק איז געלעגן אין קייווער און גאָרנישט ניט געזען.

אויף זיין קייווער איז געלעגן אַ קראַנץ, אין וועלכן ס'איז געווען אַריינגעשטאָכן די וואונדערשפּילקע מיט לענינס בילד, וועלכע האָט איר באַלעבאָס פֿאַרלאָרן.

מישקע באַגעגנט זיך מיטן טאַטן.

א זון פֿון א באלשעוויק.

.1

אַ גאַנצער כוידעש איז שוין אַריבער זינט מישעס פֿאָטער איז ארויסגעפֿאָרן.

קוקט מישע אַפֿן פֿאָטערס פֿאָטאָגראַפֿיע און זיפֿצט.

— מאַמע, ווען וועט דער. פֿאָטער קומען? איך האָב זיך פֿאַרבענקט.

— אינגיכן, מישינקע, גאָר אינגיכן. ס׳וועט דורכגיין אַ קור-צע צייט, און דער פּאָטער וועט קומען.

מישע וואַרט געדולדיק: אויב די מאַמע זאָגט, אַז ער וועט קומען, הייסט עס — ער וועט קומען.

די מאַמע ווייס, ווייל זי איז אַ גרויסע.

.2

איין מאָל האָט מען באַנאַכט אין טיר אָנגעקלאַפּט.

די מאַמע איז שטיל אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אַרופגע-וואָרפן אַף זיך אַ קליידל און אָפגעעפנט די טיר.

ס׳זיינען אריינגעגאַנגען מענטשן — פּאָרויס אַן אָפיצער און נאָך אים סאָלדאַטן מיט ביקסן.

די סאָלדאַטן האָבן זיך גענומען ריען אין קאָמאָד, אין אַל-מער, אין דער קליינינקער גרינער קעסטעלע, וווּ ס׳זיינען געלעגן די־ר מאַמעס קליידער.

שטאַרק האָבן זיי געקלאַפּט מיט זייערע שווערע שטיוול, הויך גערעט צווישן זיך און געשפּייט אַף דער ערד.

מישע האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון אונטער דער קאָלדרע און אָנגעהויבן קוקן אַף אַלץ, וואָס די סאָל-דאַטן טוען.

דער אָפיצער האָט אַפן קאָמאָד באַמערקט די פּאָטאָגראַפיע פון מישעס פּאָטער, מיט אַ פאַרביסענעם געלעכטער האָט ער דאָס גענומען אין האַנט.

— אָט איז דער העלד!

די מוטער האָט געבעטן דעם אָפיצער: — לאָזט די פּאָטאָ-גראַפיע, אַף וואָס דאַרפט איר זי?

דער אָפיצער האָט מיט פאַרביסנקייט אויפגעהויבן די אויגן.

— זאָגט נאָר אַף וואָס דאַרפט איר די שמאַטע?

באַ דער מאַמען האָבן זיך פאַר פאַרדרוס גענומען טרייס-לען די ליפּן, און אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

מישע האָט אױף אַלץ געקוקט און געזען, װי דער פּרעמ־דער, שלעכטער פּעטער באַליידיקט די מאמען; איז ער אַראָפּ־געשפּרונגען פון בעט אין איין העמדעלע, צוגעלאָפן צו דער מאַמען, צוזאמענגעדריקט די פויסטן און אַ געשריי געטאָן צום אפיצער

געזוכט, געזוכט און אַוועק מיט גאָרנישט...

— זאָלסט ניט װאַגן באַליידיקן מיין מאמען!

דער אפיצער האָט זיך פאַנאנדערגעלאכט און א שנעל געטאָן מישען אין באָז.

פון פאַרדרוס און װייטיק האָט מישע אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און האָט זיך צעװיינט.

ווען זי סאָלדאטן זיינען אַוועק, האָט איר די מאמע אוועק־געזעצט אַפֿן שויס צוגעדריקט צו זיך און לאנג, לאנג געוויינט.

מישע האָט געטרייסט די מאמע:

— ניט וויין מאמע, ניט וויין, ווען דער טאטע וועט קומען, וועלן מיר אים אלץ דערציילן.

3.

איינמאָל איז די מאמע ערגעץ אוועק. אהיים איז זי געקו־מען א פריילעכע, האָט זיך א וואָרף געטאָן צו מישען, געכאפט אים אף די הענט און גענומען קושן.

— מישע, מישינקע, דער טאטע לעבט!

איך האָב זיך וועגן דעם ערשט דערוווּסט!

— ווו איז ער?

די מאמע האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים און שטיל אפֿן אויער געזאָגט:

— מיט די באָלשעוויקעס אוועק.

מישע האָט זיך פֿאַרטראכט און א דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

— ער וועט אָבער קומען?

— קומען, פֿארשטייט זיך, מישינקע, אומבאדינגט קומען, נאָר דו זאָלסט שווייגן, — זיי א קלוגער.

און, שווייגנדיק, טראַכט מישע: פֿארשטייט זיך, איך וועל שווייגן, זאָל מען מיך שלאָגן, הארגענען און אפילע אלע פֿינ־גערלעך אָפּשניידן, וועל איך אלץ איבערליידן און קיינעם ניט זאָגן, אז דער טאטע איז מיט די באלשעוויקעס אוועק.

4.

לעבן איז געוואָרן אלץ שווערער און שווערער.

די מאמע האָט אופֿגעהערט פֿאַר מישען מילך קויפֿן.

איינמאָל האָט זיך מישען פֿארוואָלט מילך.

— מאַמע, וואָס טרינקען מיר עפּעס שטענדיק הוילע טיי, פֿאַרוואָס קויפֿסטו קיין מילך ניט? איך וויל מילך!

די מאַמע האָט טרויעריק געענטפערט:

— מישינקע, קיין געלט איז ניטאָ.

— און פאַרוואָס איז קיין געלט ניטאָ?

— מיר אַרבעטן ביידע ניט, אָט איך וועל קריגן ארבעט, וועט דאַן זיין געלט.

— נו, טאָ זוך וואָס גיכער אַרבעט, וועסטו דאַן מילך קויפן.

.5

א זון פון א באלשעוויק.

איינמאָל האָט זיך די מאַמע גע-זאַטט אַ גאַנצן טאָג און איז אַהיים געקומען אַ פריילעכע.

— נו, מישקע, איך האָב געקראָגן אַרבעט, איצט וועט שוין זיין פאַר-וואָס מילך צו קויפן.

— וווּ האָסטו דאָס געקראָגן אַרבעט?

— אין קאָאָפּעראַציוו.

פון דאמאָלסט אָן פלעגט די מאַמע אלע אינדערפרי אַוועקגיין און פלעגט זיך אומקערן מונטער און פריילעך.

בא מישען פלעגט שוין שטענדיק זיין מילך.

נאָר איינמאָל איז עפּעס געשען.

די מאַמע איז געקומען אַן אומע-טיקע און אַף מאָרגן אינערגעץ ניט געגאַנגען.

מישע האָט זיך פאַרוואונדערט און געפרעגט:

— מאמע, וואָס גייסטו עפּעס ניט אין קאָאָפּעראַטיוו?

— אזוי זיך, מישינקע.

— דיר טוט עפּשער דער קאָפּ וויי?

— ניין, מישינקע, ס'טוט ניט וויי.

מישע האָט באַמערקט, ווי בא דער מאַמען אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן און ווי די מאַמע האָט זיך אָפּגעקערט, קעדיי מישע זאָל ניט באַמערקן איר געוויין.

מישע איז איר ארופגעקראָכן אפן שויס, האָט ארומגענומען דער מאַמעס האַלדז מיט זיינע הענטלעך און געגומען בעטן:

— מאַמע, זאָג, פאַרוואָס ווייגסטו. ווער האָט דיך באַליידיקט.

און דערציילט האָט אים די מאמע, אז אין קאָאָפּעראטיוו וועט זי שוין מער ניט גיין, ווייל צוליב דעם, וואָס דער טאַטע איז א באָלשעוויק, ווילן די „נאַטשאַלניקעס" ניט געבן איר קיין אַרבעט.

— מאמע, טאָ זאָג, ווער זיינען די נאטשאלניקעס?

— קאָלטשאַק *), מישע.

— מישע האָט אומעטיק אראָפּגעלאָזט די ברעמען און קי-מערדיק אַ טראכט געטאָן.

— נו, וואַרט, וואַרט! — איך וועל אויסוואַקסן אַ גרויסער. וועל איך אַלע קאָלטשאַקעס די קעפּ אַראָפּדרייען.

מען טראָגט פּאַרקויפן.

אָט פון יענער צייט אָן פּלעגט די מאַמע צוזאמען מיט מישקען זייער אָפּט זוכן עפּעס אין קאַמאָד אין דער גרינינקער קעסטעלע—די מאַמע פּלעגט ארויסנעמען אַ וואָסער ניט איז זאַך און טראָגן אפן מארק פאַרקויפן.

פון מארק פּלעגט זי ברענגען מישקען מילך.

איינמאָל האָט די מאַמע געזאָגט מישקען אָט וואָס:

— מישקע, דו ווייסט?—מיר וועלן, אלץ פאַרקויפן און גאָר אַוועקפאָרן פונדאַנען.

— וווהין וועלן מיר אָבער פאָרן?

---

*) קאָלטשאַק איז געווען א ווייסער גענעראַל. וועלכער האָט אָנגעפירט ביז גאַנדעס קעגן דער ראַטנמאַכט.

— אין אן אַנדער שטאָט, דאָרטן וועלן מיר זיך וועגן טאַטן דערוויסן.

מישקע האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט.

— קום, מאמע, אוועקפֿאָרן, נאָר וואָס גיכער.

די מאַמע האָט צונויפֿגעפּאַקט א גאנץ פּעקעלע מיט זאַכן און האָט עס אוועקגעטראָגן אפֿן מארק פֿאַר ״יפֿן, און באַנאַכט האָט זי שוין געדונגען א פֿור און זיי זיינען אַוועקגעפֿאָרן צום שיף.

אַף דער שיף.

אַף דער שיף איז מישקען געוואָרן פֿריילעך, ער איז ארומגע-לאָפֿן און באַטראַכט אַלץ, וואָס עס רינגלט אים ארום.

נעבן מישקען האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ הויכער אומבאַקאַנ-טער פֿעטער מיט אַ שוואַרצער באָרד.

נאָכן אויסזען דוכט זיך, אַז דער פֿעטער איז בייז. נאָר די אויגן זיינע קוקן אַף מישקען פֿריינטלעך.

— וואָס האָסטו מוירע, קליינער?

— כ׳האָב מוירע,—זאָגט מישקע.

דער פֿעטער האָט גענומען מישקען פֿאַרן האַנט און צוגע-פֿירט אים צו דער רעשאָטקע.

דאָרט איז אומגעגאַנגען אַ שוואַרצער מענטש, ווי אַ קוי-מענקערער, מיט אַ שמאַטע אין האנט.

— אַ קוימענקערער,—זאָגט מישע.

דער אומבאקאַנטער פֿעטער האָט זיך צולאַכט.

— ניין, דאָס איז דער מאַשינסט. דער מענטש אַרבעט דאָ באַ דער מאַשין און פֿירט אונדזער שיף.

— מיין טאַטע איז דאָך אויך געווען אַ מאַשיניסט.

— ווו איז דיין טאַטע?

מישקע האָט אַ קוק געטאָן אַפֿן פֿעטער און האָט זיך גלייך דערמאָנט, אַז די מאַמע האָט ניט געהייסן זאָגן ווו דער טאַטע איז.

ניט קיין געבעטענע געסט"מיט א וויזיט.

דער פּעטער האָט געקוקט אַף מישקען מיט גוטמוטיקע אויגן, געשמייכלט און געגלעט אים איבערן קעפּל.

— אַ גוטער פּעטער—האָט אַ טראַכט געטאָן מישע, און האָט מיט צוטרוי געזאָגט:

— ער איז מיט די באָלשעוויקעס אַוועק, און באַנאַכט זיינען געקומען סאָלדאָטן און געשריען אַף דער מאַמען. די מאַמע האָט געוויינט, און איצט פאָרן מיר אין אַן אַנדער שטאָט.

— ווי רופט מען דיר?

— מישקע.

— ווי האָט מען גערופן דיין טאַטן!

— דימיטרי איוואַנאָוויטש קיסעליאָוו.

דער אומבאַקאַנטער פּעטער האָט ווידער אַ גלעט געטאָן מישקען איבערן קעפּל און האָט צערטלעך געזאָגט:

— נו לויף, מישינקע צו דער מאַמען, ווו איז דיין מאַמע?

— אין דער הויך.

— מישע איז אַוועקגעלאָפן צו די טרעפּ.

דער פּעטער צו גאַסט.

אין א קורצער צייט ארום איז אהין ארויף דער אומבאַקאַנטער, הויכער פּעטער מיט דער שוואַרצער באָרד.

ער אין ארומגעגאַנגען אַרום די טרעפּ און האָט דערזען אף א באַנק זיצנדיק מישען מיט דער מאַמען, און האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון זיי.

מישע איז גלייך צוגעלאָפן צום פּעטער און האָט דורכן פּאַרענק גענומען קוקן אַף אונטן, ווו עס זיינען געזעסן פויערים מיט זעקלעך.

— וווהין פאָרן זיי?—האָט ער זיך געווענדעט צום פּעטער.

—זוכן אַרבעט אין שטאָט.

— צוליב וואָס?

— זיי ווילן עסן, זיי וועלן פאַרדינען געלט און קויפן ברויט.

— און אינדערהיים איז באַ זיי ניטאָ קיין ברויט?

— מיסטאָמע ניטאָ.

מישקע האָט זיך פֿאַרטראַכט.

— דאָס איז דיין מאַמע? — האָט געפֿרעגט דער הויכער פּעטער.

— אַהאַ.

דער פּעטער האָט זיך געזעצט נעבן מישקעס מאַמען און אַ ררייי געטאָן אַף מישקען מיטן קאָפּ.

— אָט איז אַ יאַטל! אַלץ וויל ער וויסן.

די מאַמע האָט שווייגנדיק געשמייכלט.

— איר פֿאָרט ווייט?

די מאַמע האָט אָנגערופֿן די שטאָט וווהין זי מיט מישען פֿאָרן.

— באַ אייך זיינען דאָרטן דאָ אייגענע?

— ניין, — און האָט טרויעריק אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

— נו, איז באַקאַנטע. צו וועמען זשע פֿאָרט איר?

— כ'ווייסט ניט.

— איר ווילט, וועל איך אייך געבן אַן אַדרעס צו איינער אַ באַקאַנטע אַלטיטשקער,

מישעס מאַמע האָט מיט אומצוטרוי אַ בליק געטאָן אַף דעם אומבאַקאַנטן מענטשן.

דערנאָך האָט ער זיך צוגערוקט נעענטער צו איר און האָט איר שטילערהייט געזאָגט:

— ווערט רויִקער, מאַכט אַן אויסזען, אז איר רעט וועגן קליינינקייטן... איך בין אייער מאַנס אַ כאַווער.

מישע האָט באַמערקט, ווי די מאַמע איז פּלוצים בלייך געוואָרן, האָט זיך אָנגעבויגן מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט פֿון שיף, דערנאָך שטיל געפֿרעגט:

— ווו איז ער? ער לעבט?

— ער לעבט. ער איז אַוועק צוזאמען מיט די איבעריקע.

— איר ווייסט עס גוט?

— איך בין צוזאַמען מיט אים אָפּגעטראָטן פון די ווייסע, ער האָט זיך געזעצט אַף דער שיף, און איך האָב ניט באוויזן. איצט באַהאַלט איך זיך דאָ אויס.

מישעס מאַמע האָט ווידער א קוק געטאָן אַפן פעטער.

— זאָגט זשע, ווי אזוי האָט איר דערקענט ווער איך בין?

דער פעטער האָט אַ שמייכל געטאָן און באַוויזן אַף מישען.

— מיר האָט מישע געזאָגט זיין נאָמען, אויך דעם טאַטנס נאָמען.

די מאַמע האָט שטאַרק ארומגענומען מישען. דער פּאָנים האָט זיך באַ איר באַלויכטן מיט פרייד.

דער פעטער האָט ארויסגענומען זיין בלאקנאָט, ארויסגעריסן אַ שטיקל פאַפיר, אָנגעשריבן עפעס און געגעבן דער מאַמען לייענען.

— נו, אָט גיב איך אייך דעם אַדרעס פון מיין באַקאַנטער אַלטיטשקער, איר קענט גלייך צו איר פאַרפאָרן. באַ איר וועט אייך זיין גוט.

דער פעטער האָט זיך אופגעהויבן, אַ גלעט געטאָן מישען איבערן קאָפּ און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַף אונטן.

מער האָט מישע דעם פעטער אין די אויגן נים געזען.

מישע מיט דער מאַמען באַ דער אַלטיטשקער.

איצט האָט שוין מישע מיט דער מאַמען געלעבט באַ דער אַלטיטשקער אַנאַ איוואַנאָוונאַ.

זייער אָפּט, אין די אָוונטן, ווען מישע פלעגט לייענען אַ ביכל אָדער צונויפלייגן די קוביקעס, פלעגט אין דערוועלבער צייט אַנאַ איוואַנאָוונאַ מיט דער מאַמען שטילערהיים ריידן וועגן טאַטן.

מישקע פלעגט זיך צו זייערע רייד צוהערן און האָט זיך דערוווסט, אַז ערגעץ ווייט, ווייט איז פאַראַן אַ ראטנרוסלאנד, ווו עס לעבן אויסשליסלעך באָלשעוויקעס.

און דאָרט געפינט זיך טאַקע מישעס טאַטע.

אויסער דעם האָט זיך נאָך מישע דערוווּסט, אַז דאָ פֿון סי־ביר, ווּ עס געפֿינען זיך מישע מיט דער מאַמען און די באָבע אַנאַ איוואַנאָוונאַ, קאָן מען צום טאַטן ניט פֿאָרן און קיין בריוו אויך ניט שרייבן, ווייל מען טאָר ניט...

איינמאָל איז מישעס באָבע געקומען אַ היים אַן אופֿגערעגטע און האָט עפעס געזאָגט מישעס מאַמען:

— עפעס איינער אַ באַקאַנטער מענטש וויל זיך שטילערהייט דורכגאַנוועגען צו די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד. מען דאַרף מיט אים אָפשיקן אַ בריוו.

די מאַמע האָט זיך זייער דערפֿרייט און האָט זיך דיזעלבע מינוט געזעצט שרייבן. און מישען האָט זי געזאָגט:

— מישע, שרייב אויך עפעס אָן דעם טאַטן.

מישע האָט גלייך געוואָרפֿן דאָס שפּילן, גענומען אַ בלייער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר און מיט גרויסע דרוק-אויסיעס אָנגעשריבן:

„אַ גוטער מאָרגן דיר, טאַטע! וואָס מאַכסטו?

איך מיט דער מאַמען לעבן ניט שלעכט, מיט אונדז איז נאָך די באָבע אַנאַ.

זי האָט מיר זייער ליב און קויפֿט מיר פֿאַרשיידענע צאַצקעס און ביכלעך.

די מאַמע לאָזט מיך יעדן טאָג אַפֿן גאַס.

באַ דער באָבען איז געשטאָרבן דאָס הינטעלע שאַ..., ווייל עמיצער האָט אים געגעבן ברויט מיט אַ נאָדל.

ער האָט זיך געמאַטערט אַ־גאַנצן טאָג און איז געשטאָרבן.

טאַטע, פֿאַרוואָס האָסטו אונדז אזוי לאַנג ניט געשריבן?

איך בעט דיר, דו זאָלסט אָנשרייבן מיר אַ באַזונדער בריוו און דער מאַמען אַ באַזונדערן.

טאַטע דאָס האָב איך אַליין אַלץ געש...

מיר האָט קיינער גאָרנישט ניט געזאָגט.

טאַטע, מיר וואַרטן אַף דיינע בריוו, די מאַמע, די באָבע און איך קושן דיך שטאַרק, שטאַרק. מיר וואַרטן, קום צופֿאָרן וואָס גיכער. דיין מישע“.

אין אַ טאָג אַרום איז צו זיי אריין א מענטש אין אַ שוואַרצן פוטער, אין אַ רויטן היטל און הויכע וואַליקעס. גענומען דער מאַ-מעס און מישעס בריוו, אַ שנעל געטאָן מישען אין נאָז און איז אַוועק.

וואס טוט מישעס טאטע?

דעם כ׳ קיסעליאָוו, מישעס פאָטער, האָבן די באָלשעוויקעס געגעבן אויסצופילן אַ וויכטיקע אַרבעט:

ער האָט געדאַרפט זיך דורכגאַנוועגען דורכן קאָלטשאַקישן פראָנט, געפינען די איבערגעבליבענע באָלשעוויקעס אין סיביר, איבערגעבן זיי וויכטיקע דאָקומענטן און קומען צוריק אין רוס-לאַנד.

מישעס טאַטע האָט מיט פרייד גענומען אַזאַ אַרבעט:

אויסער דעם, וואָס ער וועט די אַרבעט אויספילן, וועט ער זיך נאָך זען מיט מישען און מיט דער ווייב.

און אָנגעהויבן האָט דער כ׳ קיסעליאָוו קלייבן זיך אין וועג, טראַכטנדיק וועגן דער ווייב און וועגן זון:

שוין מיכטאָמע פאַרבענקט זיך נאָך מיר. נו, ס׳מאַכט ניט אויס, מיר וועלן זיך זען.

קיסעליאָווס וועג.

ביזן קאלטשאַקישן פראָנט איז דער כ׳ קיסעליאָוו געפאָרן דריי טעג מיטן באַן.

איצט איז אים נאָר געבליבן דורכגיין דאָס ברייטע מיט שניי-באַדעקטע פעלד, נאָך וועלכן עס האָט זיך שוין גענומען וויזן סיביר.

דאָרטן וועט ער זיך שוין פאַנאַנדערפרעגן וווּ זיין ווייב מיט מישען געפינען זיך.

אָט אזוי טראַכט קיסעליאָוו, ווי ער וועט זיך מיט מישען באַגעגענען און שמייכלט צו זיך אַליין. און פון פרייד,_האָט זיך אַזש גענומען גיכער גיין און אָפן האַרצן איז געוואָרן לייכטער.

— אַט, כאַפּש צו די ווייסע אין די הענט ניט אַריינפֿאַלן— טראַכט קיסעליאָוו.

ער קוקט אין אַלע זייטן, צו קיינער זעט אים ניט.

אָנגעהויבן גיין שטילער, אויפֿמערקזאַם צוקוקן זיך אין איין פּונקט.

דער פּונקט ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער און דערקענען וואָס דאָס איז שווער.

צוגעגאַנגען נעענטער, זעט ער — אַפֿן שניי זיצט אַ מענטש.

אַפֿן מענטשן אַ שוואַרצע, פֿוטערנע היטל מיט אויערן, גרויסע וואַליקעס און אַ פֿוטער. זיצט דער מענטש אַ פֿאַרשנייטער.

אַ טרייסל געטאָן אים — טויט.

— אַט אזוי ווערן דאָס מענטשן פֿאַרפֿראָרן. — האָט קיסעליאָוו אַ זיפֿץ געטאָן, געשטאַנען אַ ביסל און אַוועק ווייטער.

גייט ער און טראַכט:

— עפּשער וואַרט אַף אים אַ זונעלע ווי אַף מיר? איצט ווייס ער זיך שוין ניט דערוואַרטן...

פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס האָב איך דאָס ניט אַ קוק געטאָן — עפּשער איז באַ אים אַן אַדרעס דאָ?

איך וועל זיך דערוויסן, ווהין ער איז געגאַנגען און דאָרטן וועל איך באַגעגענען זיינע קרויווים און דערציילן.

האָט זיך גלייך אומגעקערט צום פֿאַרפֿראָרענעם מענטשן און גענומען זוכן באַ אים אין בוזים.

געפֿונען עטלעכע בריוו. גענומען לייענען די אַדרעסן און פּלוצים געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿענעם מויל. ס'האָבן זיך גענומען טרייסלען די הענט.

וואָס איז געשען?—אַ בריוו אַדרעסירט צו אים, צו קיסעליאָוון.

געקוקט און געקוקט און זיך אַליין ניט געגלויבט, וואָס זיינע אויגן זעען, געמיינט, אַז ס'איז אַלץ אַ כאַלעם.

ער האָט דורכגעריבן די אויגן. — ניין, אַז ס'איז פֿאָרט אזוי אָנגעשריבן:

— מאָסקווע. פֿאַר דמיטרי איוואַנאָוויטש קיסעליאָוון.

האָט דערקענט דער ווייבס קסאַוו.

ער האָט מיט אומגעדולד צעריסן דעם קאָנווערט און אַרויס־גענומען צוויי שטיקלעך פּאַפּיר! איינע פֿון דער ווייב און די צווייטע פֿון מישען.

לייענענדיק, האָבן זיך באַ אים פֿאַר פֿרייד די הענט גע־טרייסלט.

ער האָט פֿאַרזיכטיק צונויפֿגעלייגט די בריוו, נאָך אַ מאָל א קוק געטאָן אַפֿן פֿאַרפֿראָרענעם מענטשן, וועלכער האָט אים פֿאַר־שאַפֿט אזוי פֿיל פֿרייד, און האָט אוועקגעשפּאַנט ווייטער.

איצט האָט ער שוין געוווסט, ווו צו זוכן זיין ווייב מיט מישען.

קיסעליאָווס צוזאַמענשטויס מיט די ווייסע.

ס'איז געוואָרן פֿינצטער. אין דאָרף האָבן זיך שוין באַוויזן פֿייערלעך.

קיסעליאָוו האָט זיך אַ קער געטאָן לינקס.

פּלוצים האָט ער באַמערקט אין דער פֿינצטער 3 שוואַרצע פֿיגורן.

— שטיי ווער גייט עס?

האָט אַ טיאָכקע געטאָן באַ קיסעליאָוון אין האַרצן, אַ קעלט איז דורכגעגאַנגען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

אָט זיינען זיי, די ווייסע. וואָס וועל איך איצט טאָן?

שטיי! ווער ביסטו אזוינער? פֿונוואַנען?

— אַן אייגענער מענטש, פֿון די באָלשעוויקעס אַנטלאָפֿן!

די סאָלדאַטן האָבן זיך צולאַכט, געשושקעט זיך אַ ביסל צווישן זיך, זאָגנדיק:

מ'דאַרף אים אַוועקפֿירן אין שטאַב. דאָרטן וועלן מיר פֿאַנאַנדערקלייבן פֿונוואַנען און וואָס פֿאַר אַ מענטש.

מאַקסים, פֿיר אים אַוועק.

די ווייסע טרעטן אָפּ.

זיינען זיי אַוועק — פאַרויס קיסעליאָוו, פון הינטן אַ סאָל-דאַט מיט אַ ביקס.

קיסעליאָוו איז די גאַנצע צייט געגאַנגען און געטראַכט: — ווי אַנטלויפן? ער האָט געוווסט, אַז מען וועט אים ברענגען אין שטאַב, וועט מען אים גלייך ארעסטירן, און עפשער גאָר שיסן, ער וועט שוין ניט האָבן די מעגלעכקייט צו זען מישען מיט דער ווייב.

— עפשער וואָלסט דו מיך אָפּגעלאָזט, האַ? — האָט ער זיך געווענדעט צום סאָלדאַט.

— גיי, אַז דו גייסט, און רייד זיך ניט אָן!

זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום דאָרף, גענומען דורכגיין אַ שמאָלינקן בריקעלע, וועלכער האָט זיך געצויגן איבערן טייך.

אַפן מיטן בריק האָט זיך קיסעליאָוו פלוצלונג אַ קער געטאָן און געגעבן א שטאַרקן שטויס דעם סאָלדאַט אין זייט.

דער סאָלדאַט איז ניט איינגעשטאַנען און דורכרייסנדיק דעם פאַרענץ פון בריק, אַריינגעפאַלן אין שניי.

קיסעליאָוו איז דערווייל דורכגעלאָפן דעם בריק און האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ שטאָל שטרוי.

ס'איז געוואָרן א שיסעריי און אַ טומל.

ווען ס'האָט זיך א ביסל באַרויקט, האָט זיך קיסעליאָוו גוט איינגעאָרדנט אין די שטרוי און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

אָט אזוי האָט ער אָפּגעשלאָפן א גאַנצן טאָג.

ווען ס'איז געוואָרן גוט פינצטער, איז ער ארויס פון דאָרף. געגאַנגען איז ער אַ גאַנצע נאַכט אָן אויפהער. אינדערפרי איז ער שוין געווען אף דער סטאַנציע, געקויפט א בילעט און אין צוויי טעג אַרום איז ער שוין געווען אין דער שטאָט, ווו מישע מיט דער מאַמען געפינען זיך.

קיסעליאָוו איז שוין אין שטאָט.

אין שטאָט האָט קיסעליאָוו געפונען זיינעם א באַקאַנטן אונטער דער פאַמיליע לאָמאָוו.

לאָמאָוו איז געווען אַ באהאלטענער באָלשעוויק, וועלכער האָט געארבעט אונטערערדיש. מיט גרויס פרייד האָט ער באגעגנט קיסעליאָוון.

אין דעמזעלבן טאָג האָט ער אויסגעפונען די שטוב, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפונען מישע מיט דער מאמען.

ער זיך עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַצירט אַף דער אַנטקעגן זייט פון שטוב, דורגעגאַנגען פאַרביי, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען און אריינגעקוקט אין פענצטער, צי וועט ער ניט דערזען מישען מיט דער מאַמען.

כאָטש פון וויטן אַף זיי אַ קוק טאָן.

זייער שטאַרק ווילט זיך אים אריינגיין אין שטוב און ארופוואַרפן זיך אַפן האַלדז מישען מיט דער ווייב נאַטאַשען.

אך, זיי וואָלטן זיך אזוי דערפרייט.

ניין, ניין, מען טאָר גישט אריינגיין אין שטוב, מען דאַרף צוואַרטן: עפּשער געפינען זיך דאָרטן פרעמדע מענטשן!

מישקע איז דאָך נאָך קליין און פאַרשטייט ניט, — קען ער זיך נאָך אויסריידן און אויסשרייען, אַז דער טאַטע איז געקומען, — און דאַן וועט מען אים דערקענען און אַרעסטירן.

— גוט, וואָס איך האָב אָפּגעגאָלט די באָרד, מ׳וועט מיך ניט דערקענען—נאָר נאָכן קאָל קאָן מען גלייך דערקענען.

איז דורכגעגאַנגען נאָך אַ מאָל פאַרביי דער שטוב—אַ קוק געטאָן און מיט אַ טיפן זיפץ אַוועק ווייטער...

דערנאָך איז ער נאָך עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען, ארומגעשפּאַצירט און אַלץ געקוקט אַף דער שטוב.

איינמאָל האָט זיך אים אָפּגעדוכט, אַז ער האָט דערזען מישען אין פענצטער.

ארומגעגאַנגען, אַרומגעגאַנגען און איז אַוועק.

ער האָט אַלץ געטראַכט—ווי גיט מען דער ווייב צו וויסן, אַז ער איז דאָ.

עפּשער שיקן אַ בריוו.

דאָס איז גאָר ניט אזוי גוט—זי וועט באַקומען און וועט זיך דערשרעקן, און צו דעם קאָן מען נאָך אַף דער פּאָסט דעם בריוו איבערקוקן.

— ניין, קיין בריוו קען מען ניט שיקן.

לעסאָף האָט קיסעליאָוו באַשלאָסן דערציילן זיעם כ׳ לאמאוו וועגן זיין ווייב און זון און בעטן דעם כאַווער, ער זאָל ווי ניט איז געבן צו וויסן דער ווייב, אַז ער איז דאָ.

לאָמאָוו האָט אים אופמערקזאַם אויסגעהערט און געזאָגט:

— יע, כאַווער קיסעליאָוו, איך וועל אייך מיט פאַרגעניגן העלפן.

און פונקט אין דעמזעלבן טאָג באַנאַכט איז ער אַוועק צו קיסעליאָווס ווייב.

— איך דאַרף האָבן נאַטאַליאַ פּיאָדאָראָווגאַ קיסעליאָוואַ.

נאַטאַשע האָט מיט גרויס ווונדער אַ קוק געטאָן אַפן אומבאַקאַנטן מענטשן און געזאָגט:

— איך אַליין בין עס, וואָס דאַרפט איר?

— איך דאַרף זיך מיט אייך דורכריידן.

נאַטאַשע איז בלייך געוואָרן: וועגן וואָס וויל ער מיר זאָגן דער פרעמדער מענטש? — עפּשער וועגן מאַן עפּעס?

— וואָס איז אזוינס? ביטע זאָגט!

לאָמאָוו האָט שווייגנדיק באַוויזן אַף מישען מיט די אויגן און געזאָגט: — עפּשער וועלן מיר זיך דורכגיין א ביסל?

נאַטאַשע האָט פאַרשטאַנען, אַז מען קאָן פאַר מישען ניט ריידן, האָט זיך אָנגעטאָן און איז ארויס.

געגאַנגען זיינען זיי שווייגנדיקביידע. ס׳איז איר קאַלט געוואָרן, פון אָנשטרענגונג האָבן זיך באַ איר די הענט געטרייסלט.

— מיט אייך וויל זיך זען אַ מענטש, ער קען אייך — האָט געזאָגט לאָמאָוו.

נאַטאַשע האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך פאַרטראַכט: צי דען קאָן מען גלויבן דעם מענטשן, וועלכן זי זעט דאָס ערשטע מאָל? וווהין פירט ער זי?

לעסאָף האָט זי אַ טראַכט געטאָן: עפּשער וועגן מאַן עפּעס

— גוט, קומט.

ווען זיי זיינען געקומען, האָט ער געעפנט די סיר פון קי-סעליאָווס צימער און געזאָגט:

— אָט דאָס איז עס: גייט אַריין.

נאַטאַשע איז אריין אין צימער מיט א שטאַרק קלאפנדיקן האַרץ, אַנטקעגן איר האָט זיך אופגעהויבן אַ יונגערמאן, אַן אָפּ-געגאָלטער און האָט איר אויסגעשטרעקט די הענט.

— נאַטאַשע!

— מיטיע, מיטיע!

זי איז ארופגעפאַלן אַף אים און לאַכט און וויינט.

ער האָט זי אַוועקגעזעצט אַף דער סאָפע און אָנגעהויבן ריידן:

— נו, דערציייל—ווי האָט איר דאָ געלעבט אָן מיר? וואָס מאַכט מישינקע?...

נאַטאַשע האָט אָנגעהויבן דערציילן.

זיי האָבן זיך אופגערעט אזוי:

זי וועט קומען מיט מישען אין קינאָ און אהין וועט אויך קומען קיסעליאָוו. און פונדערוויטנס וועט ער א קוק טאָן אפן זון.

ווען נאַטאַשע איז געקומען אַ היים, איז שוין דער קליינער געשלאָפן.

אַף מאָרגן פרי האָט ער זיך דערמאָנט-וועגן נעכטיקן פעטער און געפרעגט:

— מאַמע וואָס האָט דיר געזאָגט דער פעטער?

די מאַמע האָט אָנגעהויבן שמייכלען.

— דער פעטער האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן ביידע אינאָוונט גיין אין קינאָ, שיינע בילדער זען.

מישע האָט מיט אומצוטרוי אַ קוק געטאָן אף דער מאמען.

— טאַקע אַן עמעס, מאמע?

עמעס, עמעס, מישע.

אינאָווגט זיינען זיי אַוועק אין קינאָ.

ווען זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דער קאַסע קויפן בילעטן, איז קיסעליאָוו געגאַנגען הינטער זיי, געקויפט אַ בילעט און איז אריין אין זאַל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט דריי טריט פון זיי.

מישע האָט זייער הויך גערעט און אופלייגנדיק איינצלנע אויסיעס, געלייענט דאָס אָנגעשריבענע אַפן עקראַן. ער האָט ניט געוווסט, אַז דריי טריט פון אים זיצט דער פאָטער.

קיסעליאָוו האָט אָבער ניט געקאָנט אָפרייסן די אויגן פון אים. ס'האָט זיך אים זייער געוואָלט צוגיין און נעמען אים צו זיך אַף די הענט, אַוועקזעצן אים אַפן שויס און צודריקן אים צו זיך. נאָר טאָן אזוי קאָן מען ניט.

* * *

ס'פלעגט זיך אַמאָל טרעפן, אַז מישע מיט דער מאַמען פלעגן גיין שפּאַצירן.

נאָר גיין פלעגן זיי ניט אַהין, ווו אַלע מאָל—זיי פלעגן גיין אַף דער גאַס, ווו קיסעליאָוו וואָינט.

מישע האָט בעשום אופן ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די מאַמע האָט עפּעס אָנגעהויבן שפּאַצירן אַף דער גאַס.

ער האָט זייער ליב געהאַט גיין אַף די הויפּט-גאַסן און קוקן אין די אויסשטעלונגען אַף די שיינע זאַכן.

— מאַמע, צוליב וואָס גייען מיר אַהער? מיר דאַרפן דאָך דאָ גאָרנישט ניט.

— צי דען איז ניט אַלציינס, מישינקע, וווהין מע גייט שפּאַצירן?

נעבן קיסעליאָווס שטוב—איז געשטאַנען אַ בענקעלע; די מאַמע האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן בענקעלע און געפרעגט:

— נו, מישע, האָסט זיך ניט פאַרמאַטערט?

— ניין.

— נו, האָב איך זיך פאַרמאַטערט, קום אָפּרוען.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַף דער באַנק.

קיסעליאָוו איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט לאַנג געקוקט אַף מישען מיט דער ווייב.

ווען זיי האָבן זיך אופגעהויבן און געגאַנגען ווייטער, איז קיסעליאָוו אַרויס פון שטוב איבערגעגאַנגען אַף דער צווייטער זייט פון גאַס און איז געגאַנגען גלייך נאָך זיי.

קיסעליאָוו האָט זיך צוגעהערט צו מישען, ווי ער לייענט די אופשריפטן אַף די קראָמען.

נאַטאַשע האָט געוואָלט, ער זאָל אים זען אין פּאָנים, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און האָט אים באַוויזן אַף דער אַנדער זייט גאַס.

— מישע, דו וועסט ניט קענען איבערלייענען, וואָס עס איז אָנגעשריבן אַף יענער זייט קראָם—ניין, און איך וועל קענען!

מישע האָט זיך אומגעקערט צו דער אופשריפט און געלייענט.

אָט איצט האָט ערשט קיסעליאָוו געקענט איינקוקן זיך אין זיין פּאָנים.

איין מאָל האָט די מאַמע געבראַכט מישען אַ בריוו.

— מישע, דער טאַטע האָט דיר אַ בריוו געשיקט.

מישע האָט זיך שטורמיש אַ וואָרף געטאָן צו דער מאַמען.

— ווו איז עס? גיב שוין גיכער.

די מאַמע האָט דערלאַנגט אַ בויגעלע פּאַפּיר:

אַף דעם פּאַפּיר איז געווען מיט גרויסע ווערטער אָנגעשריבן:

„מיין טייערער, ליבער מישוק, איך שרייב דיר אַ באַזונדער בריוו. דיין בריוו האָב איך באַקומען, פאַר וועלכן איך קוש דיך זייער שטאַרק.

איך לעב און בין געזונט, נאָר איך בענק נאָך דיר.

דו זאָלסט קיינעם ניט דערציילן, ווייל אויב דו וועסט זאָגן, וועל איך ניט קענען קומען. געריס דער מאַמען און דער באָבען אנא איוואַנאָוונען.

זאָלסט פאָלגן דער מאַמען און דער באָבען.

איך קוש דיך נאָך אַמאָל, מיין טייערער און ליבער זון. דיין טאַטע״.

אַ גאַנצן טאָג האָט מישע געלייענט דעם טאַטנס בריוו, גע-לייענט און געטראַכט.

לייגנדיק זיך שלאָפן, האָט מישע דערלאַנגט דער מאַמען דעם בריוו און געזאָגט:

— מאַמע באַהאַלט דעם בריוו ווייט, ווייט, קיינער זאָל אים ניט געפינען.

— ווער?

— אָט טאָמער וועלן ווייטער סאָלדאַטן קומען.

די מאַמע האָט אָנגעהויבן שמייכלען.

— גוט, מישע, איך וועל באַהאַלטן.

שלאָפנדיק האָט מישע אופגעהויבן דעם קאָפ און געזאָגט:

— מאמע איך וועל קיינעם ניט דערציילן, וואָס דער טאַטע האָט מיר אַ בריוו געשיקט.

— אָט אַזוי איז גוט, קינד מיינס, — זאָלסט טאַקע קיינעם ניט זאָגן.

— שלאָף מיין זון, שלאָף.

אַ גאַנצע נאכט האָט מישע געזען אין שלאָף פריילעכע כאַ-לוימעס און געשמייכלט.

איינמאָל האָט די מאַמע מישען געזאָגט:

— ווילסטו גיין שפּאַצירן מישע?

— גיין איך וויל ניט.

— און אַף אַ בריטשקע פאָרן ווילסטו?

— כ׳וויל.

— נו טאָ טו זיך גיך אָן.

זיי זיינען אַרויס פון שטוב גענומען אַ בריטשקע און אַוועק-געפאָרן.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַ אַ גרויסער הויז און אַראָפּ-געגאַנגען פון בריטשקע.

— וווהין גייען מיר, מאַמע?

— אין געסט, ווילסט אין געסט?

כ׳וויל.

צוגעפֿירט צום וואַנט און צוסאָשן.

די טיר האָט זיי געעפֿנט לאמאוו. ער האָט גוטמוטיק גע-שמייכלט צו מישען.

ער האָט גענומען מישען פֿאַרן האַנט און האָט אים מיט דער מאַמען דורכגעפֿירט עטלעכע צימערן, דערנאָך האָט ער אופֿגעעפֿנט אַ טיר פֿון אַ צימער און געזאָגט:

— ביטע, יונגער מאַן.

מישע האָט נאָך ניט באַוויזן אַריינצוגיין אין צימער, ווי צו אים האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַ הויכער אָפּגעגאָלטער פֿעטער, האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אַף די הענט, פֿעסט צוגעדריקט צו זיך און האָט אים גענומען קושן.

— מישינקע, מישקע, זון מיינער טייערער!

מישקע האָט ברייט אופֿגעעפֿנט די אויגן.

— טאַטע!

יע, יע, מישינקע דיין טאַטע. זעסט איך האָב דיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל קומען, בין איך געקומען.

— מישע האָט אַ גלעט געטאָן דעם טאַטן איבער דער אָפּ-געגאָלטער באַק.

— ס'שטעכט זיך, וווּ איז דיין באָרד?

שפּעט זיינען זיי געזעסן באַם טאַטן, און ווען די מאַמע האָט זיך שוין געקליבן אַוועקגיין, האָט מישע גענומען וויינען.

— איך וויל ניט גיין אָן דעם טאַטן.

— מישינקע, איך טאָר דאָ ניט זיין.

— איך מוז ווידער אָפּפֿאָרן.

— איך וועל אויך מיט דיר פֿאָרן!

דער טאַטע האָט אָנגעהויבן שמייכלען.

— אָט דו וועסט אויסוואַקסן אַ גרויסער, וועסטו זיין אַ באָלשעוויק.

דאַן וועלן מיר די גאַנצע צייט זיין צוזאַמען.

מישע האָט אויסגעווישט די [illegible]ן.

— נו, גוט, איך וועל גיך [illegible] און ווערן אַ באָלשעוויק.

ווי אזוי איטשקע האָט געהאָלפן דער מאַמען.

1-טער טייל,

אין וועלכן דער לעזער באַקאַנט זיך מיט דעם העלד פון דער מאַיסע.

איטשקע איז אַ פיאָנער, ווי אלע פיאָנערן, מיט בלישטשענ-דיקע אויגעלעך, מיט אַ פּאָר רויטע בעקעלעך און מיט אַ האַלדזטוך.

ס'איז א האָפּסאָקע.

איטשקע זיצט אין שול אף אַ פענצטער, עסט זיין פרישטיק, דרייט מיט די פיס און לייענט ביים מאיסע דעם „יונגן פיאָנער".

איטשקע זוכט זיין נאָטיץ (ער איז דאָך אַ קינדקאָר),

ער דרייט די ציימונג אין אלע זייטן, קוקט זיך גוט איין אין יעדער אונטערשריפט, זוכט אין פּאָסט-קאסטן, און ס'איז ניטאָ, ווי אין וואַסער אריין.

איטשקע קנייטשט דעם שטערן,—ער איז אין קאַעס... אַלע מאָל אַזוי: ער שרייבט אזוי אָפט און דרוקן—האָט מען נאָר איין נאָטיץ געדרוקט.

מיטאַמאָל פאַלט איטשקעס אויג אַף א לאָזונג, וואָס איז אָפגעדרוקט מיט שווארצע גרויסע אויסעס:

פיאָנער, העלף דיינע עלטערן!

ער הויבט אָן לייענען אַלץ, וואָס עס שטייט געשריבן אונטער דעם לאָזונג.

ער לייענט אויפמערקזאַם און טראַכט דערביי:

— פון היינט אָן מוז מען טאַקע העלפן דער מאַמען... איך וועל איר טאַקע העלפן! טאַקע, די מאַמע האָרעוועט אַזוי פיל... וואַשט גרעט... קאָכט וואַרמעס... באַקט... נייט... ראַמט...

* * *

אף די לימודים איז איטשקע געזעסן און געטראַכט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי ער וועט העלפן דער מאַמען, ווי אַזוי ער וועט אויספילן דעם לאָזונג פון „יונגן פיאָנער".

ער איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרטראַכט, אַז ווען דער לערער האָט אים געפרעגט:

— איטשקע, וואָס האָט מען היינט אַרויסגעגעבן?
האָט ער געענטפערט:

— ווי אַזוי העלפן דער מאַמען אינדערהיים!...

2-טער טייל,

אין וועלכן דער לעזער באַקאָנט זיך מיט איטשקעס היים

ווען איטשקע איז גע[illegible] אַהיים, איז דאָרטן געווען פונקט אַזוי ווי נעכטן און [illegible]עכטן, און ווי אַלעמאָל אין דער צייט.

די מאַמע האט זיך געפאָרעט לעבן אויוון, מאַשעע און לייבקע האבן זיך געשפילט מיט דער קאַץ, געצויגן איר פאַרן עק און דערביי אַזוי ווילד געקוויטשעט, אז מען האָט נים געקענט פאַרשטיין פון וואָס חיאָקעט די קאַץ—צי פון ווייטיק, צי פון דעם, וואָס זי האָט זיך דערשראָקן פאַר די ווילדע געשרייען...

דער קליינער בערעלע האָט זיך אויפגעכאַפט און האָט געעבן צו וויסן, אז ס'איז שוין צייט צו עסן...

אַקיצער—ס'איז געווען אַ גוטער טומל.

ווי איטשקע איז נאָר אריין אין שטוב, האָט ער גלייך אַ וואָרף געטאָן זייגע ביכער, אַרופגעשטעלט זיך אַפן שטול און גענומען ריידן:

— מאַמע, איך בין שטענדיק גרייט!

—קריך נאָר אַראָפ פון שטול! וואָס איז דאָס פאַר אַ קריכן אַף די שטולן?!

מיר וועלן שוין העלפן אינדערהיים.

—דו, מאַמע, שריי ניט! איך בין שטענדיק גרייט צו העלפן דיר! גענוג שוין דיר צו פאַרנעמען זיך מיטן טעפּל—דאַרפסט ווערן פריי פון אויוון, היינט בלייב איך אינדערהיים, און דו וועסט גיין אין קלוב!

— כאַי װאָלסטו גלייך זאָגן, אַז דו װעסט היינט זיצן אין שטוּב!—איך האָב טאַקע היינט אַ דעלעגאַטן-פֿאַרזאמלונג. איך װאָלט אָבער װעלן זען, װי װעסטו זיך דאָ ספּראַװען...

די פֿאַרהאַנדלונגען האָבן אָבער לאנג ניט געדױערט, און עס איז באַשטימט געװאָרן, אַז די מאמע גייט אַף דער דעלעגאַטן-פֿאַרזאמלונג און ער, איטשקע, בלייבט זיצן איז שטוּב.

3-טער און לעצטער מייל,

װעלכער דערציילט װעגן דעם, װי אזוי איטשקע האָט אויסגעפֿילט דעם לאָזונג.

די מאַמע איז אַװעק.

באַ איטשקען אין בלאָקנאָט שטייט פֿאַרשריבן:

> **כ׳זאָל ניט פֿאַרגעסן:**
>
> 1. אָפּקאָכן קאַשע:
>
> א) ניט פֿאַרגעסן אריינשיטן גרויפּן,
> ב) ניט פֿאַרגעסן אריינגיסן װאסער,
> ג) אַריינשיטן אַביסל זאַלץ און
> ד) אַריינגיסן 2 לעפֿל בוימל.
>
> 2. אָנשטעלן דעם סאַמאָװאר.
> 3. אויסקערן דאָס צימער.
> 4. אויסװישן די קינדער די נעזער.

איטשקע שװיצט.

איטשקע פֿילט אויס דעם לאָזונג:

ער האָט געמאַכט דעם סאַמאָװאַר, אָנגעשאָטן קוילן, דערביי געװאָרן שװאַרץ,—ענלעך אַף אַ נעגער. און אַזוי װי ער האָט ניט פֿאַרגעסן צו װישן די קינדער די נעזער—האָט ער זיי די נעזער באַפּוצט מיט שװאַרצע פלעקן.

די קינדער האָבן זיך דערזען אין שפּיגל—איז זיי זייער געפעלן די געפאַרבטע נעזער, האָבן זיי גענומען טאַנצן אַנקעגן שפּיגל.

זיי האָבן אזוי לאַנג געטאַנצט, ביז זיי האבן אַראָפּגעוואָרפן דעם שפּיגל און ער האָט זיך צובראָכן אַף קליינע שטיקלעך.

איטשקע האט זיי געגעבן די עמעסע קלעפּ,—כעוורע זיינען געוואָרן הייזעריק פון וויינען.

קלייבנדיק די שטיקעלעך גלאָז, האָט איטשקע צושניטן אַ פינגער. קיין ריינע שמאַטע האָט ער ניט געקאָנט געפינען, האָט ער אָפּגעריסן אַ שטיקל פון בערלס העמדל און פאַרבונדן די האַנט.

אין צימער איז געווען אַ שרעקלעכער טשאַד—האָט ער געעפנט די פאָרטקע און האָט זיך געשטעלט קאָכן די קאַשע.

פאַנאַנדערגעלייגט פייער, אָנגעגאָסן אין פענדל וואַסער, אריינגעשאָטן גריפן און אַוועקגעשטעלט דאָס פענדל אַפן פייער.

דערנאָך האָט איטשקע אַ קוק געטאָן אין בלאָקנאָט און איז אַוועק זוכן זאַלץ און בוימל. ער האָט געפונען אַ קעסטל, דוכט זיך, מיט זאלץ און אריינגעשאָטן אַ הייפל, אַריינגעגאָסן פון אַ פלעשל 2 לעפל בוימל,—באלד איז שוין די קאַשע פאַרטיק.

דער טשאַד איז געוואָרן גרעסער. איטשקען האט גענומען שטאַרק ווייטאָן דער קאָפּ. די כעוורע האָבן שוין לאַנג געשריען, אַז זיי איז דער קאָפּ סום ווייַ.

איטשקע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן בעט, און וואָס ס'איז געווען ווייטער געדענקט ער ניט.

ווען די מאַמע איז געקומען אַהיים, האָט זי דערזען אזאַ בילד:

איטשקע, מאַשקע און לייבקע זיינען געלעגן איינגעטשאַדעטע און האָבן געקרעכצט; בערעלע איז געווען אינגאַנצן אַ נאַסער און האָט געשריען אַף וואָס די וועלט שטייט, דער סאַמאָוואַר איז צעגאַנגען געוואָרן... ווייל איטשקע האָט „פאַרגעסן"

אַריינגיִסן וואַסער. אין דער קאַשע האָט ער אַריינגעשאָטן ניִט קיין זאַלץ, נאָר סאָדע, אַריינגעגאָסן ניִט בוימל... נאָר גאַזע.

אַי, איִטשקע! איטשקע!

דער אויספיר.

מייגט אָבער ניִט, אַז דער מאַמען דאַרף מען ניִט העלפן— ס'הויבט זיִך נאָך גאָר ניִט אָן, מ'מוז העלפן!

מיִר האָבן אָבער געוואָלט באַווייזן, אַז עס איִז גאָרניִט אַזאַ קליינע און גריִנגע אַרבעט!

מע שיסט קאמונארן.

קינדער אין דער פאריזשער קאָמונע.

די קינדער פֿון דער פאריזשער קאָמונע, קינדער, וועלכע האָבן מיט טאטעס און מאמעס, מיט ברידער און שוועסטער גע-קעמפֿט און געשלאָגן זיך אף באריקאדן פֿון פֿרייהייט — דארפֿן בלייבן אין זיקאָרן בא אונדז פיאָנערן.

וועגן זיי דארפֿן מיר וויסן.

געוועזן איז דאָס אין די טעג, ווען ווערסאלער הארמאטן האָבן באשאָטן מיט טשוהון און קוילן איינע פֿון די גרעסטע און שענסטע שטעט--פאריזש.

פאריזשער קאָמונע — האָט פאריזש דאן געהייסן.

און רייכע מענטשן האָבן זיך דערשראָקן, גענומען פּאַטטאָ-נען און עקיפּאַזשן און זיינען אַנטלאָפן אין דער צווייטער שטאָט— ווערסאַל, וואָס איז ניט געווען אזוי שיין און גלאַנציק ווי פּאַריזש.

די מענטשן מיט געלט, מיט אייגנטום האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז מענטשן, וואָס האָבן נעכטן הייזער געבויט, זאָלן היינט הערשן אין שטאָט. האָבן זיי זיך פאַראייניקט און געשיקט סאָלדאַטן, קעדיי צו שעכטן און שניידן, שניידן און שעכטן קליין און גרויס.

און די קאָמונאַרן האָבן טאָג און נאַכט זיך געשלאָגן אַף באַריקאַדן און האָבן באַשיצט די קאָמונע.

און איניינעם מיט טאַטעס און מאַמעס האָבן קינדער פון קויטיקע פאַריזשער קוואַרטאַלן פאַרטיידיקט מיט זייער בלוט דעם רויטן פאַריזש.

נאָר בלוטיקער ווערסאַל האָט געשיקט איין ראָטע סאָלדאַטן נאָך דער צווייטער, קעדיי צו פאַרגיסן און פאַרטרינקען מיט בלוט די פאַריזשער גאַסן, און אַלץ מער און מער זיינען געפאַלן קינ-דערשע קאָרבאָנעס.

האַווראַש איז א יינגל, אַ קינד נאָך, וואָס נעכטיקט און שלאָפט אונטערן פרייען הימל, טראָגט דעם טאַטנס אַלטע הויזן, וואָס גרייכן אים איבער די פיאַטעס, לויפט אום, נישטערט, זוכט, זינגט קינדערשע פריילעכע גאַסן-לידער.

פרעגט זיך באַ דער גרויסער שטאָט פאַריזש, ווער דאָס איז — וועט זי אייך ענטפערן: — דאָס איז מיין קינד.

... צוויי זאַכן זיינען פאַראַן, נאָך וועלכע ס'בענקט שטענדיק האַווראַש און קאָן צו זיי קיינמאָל ניט קומען. אַראָפּוואַרפן די אַלטע רעגירונג און פאַריכטן די צוריסענע הויזן.

אָט אַזאַ יינגל איז געווען האַווראַש.

און אין דער צייט, ווען פאַריזש איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט און אַף די בעסטע, שענסטע גאַסן זיינען געווען באַריקאַדן, איז האַווראַש געווען איינער פון די שענסטע אין קאַמף, איינער פון די ערשטע אף די באַריקאַדן.

איין זאַך האָט ער ניט געקאָנט פֿאַרליידן:
וואָס זיין רעוואָלוועך האָט קיין צינגל ניט געהאַט.
באַ די עלטערע קאָמונאַרן, וואָס האָבן זיך געפֿונען צוזאַמען מיט אים אַף די באַריקאַדן, האָט ער נאָכאַנאַנד געמאָנט—לעבן ניט געלאָזט:

האַוורּאָש האָט אַלץ געקליבן פּאַטראָנעס און געזונגען.

— איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל — אַ ביקס וויל איך און שיסן וועל איך בעסער פֿון אייך!

דער עלטסטער קאָמונאַר האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— נאָך אַ פֿערטל שאָ — און מיר בלייבן אָן פּאַטראָנעס.

האַווראָש איז געשטאַנען נאָענט און האָט אַלץ געהערט.

פּלוצלונג האָט דער עלטסטער קאָמונאַר דערזען אימעצן אין דרויסן נעבן דער באַריקאַדע, גלייך אונטערן פֿייער פֿון די סאָלדאַטן—דאָס איז געווען האַוורּאָש מיט אַ קערבל, אין וועלכן מע טראָגט ביר, אָדער וויין-פֿלעשער אין האַנט.

ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די געהאַרגעטע סאָלדאַטן, וואָס זיינען געלעגן נעבן דער באַריקאַדע, האָט אויסגעליידיקט זייערע פּאַנטראָנטאַשן און זיך גאַנץ רויִק געזאַמלט די פּאַטראָנעס אין זיין קערבל.

— וואָס טוסטו דאָרט? — האָט דער קאָמונאַר געפרעגט.

— איך קלייב די פּאַטראָנעס — האָט געענטפערט האַוורַאש.

— זעסטו דען ניט די קוילן, וואָס פליען ארום דיר?

— יאָ, עפּעס אזוי ווי עס רעגנט... מיילע.

— גיי צוריק — האָט אים אויס געשריען דער קאָמונאַר.

— די מינוטן — האָט געענטפערט קאַלטבלוטיק האַווראַש.

אַ גיכן שפרונג געטאָן אף דער מיט פון גאַס.

און ווייטער געטאָן זיין אַרבעט. אַ קויל האָט געטראָפן אין וואַנט

א באַריקאַדע.

נעבן אים, א צווייטע האָט אים ארויסגעשלאָגן דאָס קערבל מיט די פּאַטראָנעס פון האַנט.

האַווראַש האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט א קוק געטאָן אף די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געשאָסן אין אים, גענומען זיך פאַר די זייטן און אָנגעהויבן זינגען אַ ליד.

האַווראַש האָט אַלץ געקליבן פּאַטראָנעס און געזונגען, גע-זונגען און געקליבן.

די סאָלדאַטן האָבן געשאָסן און געשאָסן און ער איז אום-געשפרונגען, ווי אַ פויגעלע און האָט אַלץ געקליבן די פּאַטראָנעס.

די סאָלדאַטן האָבן געלאַכט, צילנדיק זיך אין אים.

די קאָמונאַרן זיינען געשטאַנען אָן אָטעם און האָבן פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. אַלע האָבן געציטערט פון שרעק, און ער האָט געזונגען.

די קוילן זיינען ווי בינען ארומגעפלויגן. סאָפּקאָלסאָף האָט אים איינע פון זיי פּאָרט געטראָפן, און דער מוטיקער קאָמונאַר האווראש האט זיך געקאַטשעט אין זיין אייגן בלוט נעבן באַריקאַדע.

* * *

געכאַפּט האָט מען יאַנעקן מיט אַ גאַנצער מאכנע קאָמונאַרן, וואָס האָבן געשאָסן פון באריקאַדן. זיי האָט דערשאָסן דער שוואַר-צער אָפיצער מיט די בלוטיקע ווערסאַלער סאָלדאַטן. געכאַפּט האָט מען אים און גלייך מיט אלעמען געשטעלט אַף צו דערשיסן.

— ערלויבט מיר, קאַפּיטאַן, צוגיין א היים זיך זעגענען דאָס לעצטע מאָל מיט מיין אַלטער מאמען און אָפּגעבן דעם זייגער,— האָט יאַנעק געבעטן.

— נו, האַידא, שפּאַן, ווו וואינסטו, שנעק? — האָט זיך גע-ווענדעט דער קאַפּיטאַן צו יאַנעקן.

— אָט דאָרטן לינקער—נעבן פּאָנטאַן.

— גיי, נאָר קער זיך אום.

— עך, קאַפּיטאַן, א פלינקער יאַטל צו א שפּיצל—אָפּגענארט און היידא! דערשראָקן זיך, ווייזט אויס, פאַר א ווערסאַלער ביקס,—האָבן שפּאָטיש געלאכט און געווערטלט זיך די סאָלדאטן צווישן זיך—און ס'האָט זיך אויסגעמישט געלעכטער מיטן לעצטן אָטעם פון קאָמונאַרן נעבן וואנט.

נאָר פּלוצים זיינען פארשטיינערט געוואָרן מיט א מאל די סאָלדאטן, ווען זיי האָבן דערזען, אז דער צוועלף יאָריקער ייִנגל האָט זיך באוויזן מיט שמאלץ אף דער גאס און אויסשטעלנ-דיק זיין ברוסט פּאָרויס, זיך געשטעלט נעבן וואנט, נעבן דער פארבלוטיקטער קופּע קאָמונארן:

— אָט בין איך — שיסט!

אזוי זיינען העלדיש געשטאָרבן די קליינע, ניט מוירע געהאט פאַרן טויט,

באגעגנט זייער טויט אף שטיינער און אף גאסן פון פאריזש.

א י נ ה אַ ל ט:

		זייט.
אַל. קאַלאַסאוו.	דריי קאָמעדיאנטן	3—15
„ „	מישקע ראַטעוועט זיין ברודער . . .	16—22
	דער קלוגער לעניו („יונגער פיאנער״)	23—28
	ווי האָבן אמאָל קינדער געפּייערט דעם 1-טן מאי („יונגער פיאָנער״) .	29—33
טימאָפּעיעוו.	סאן-לי	34—38
	ווי ליגן זיי („יונגער פיאנער״)	39—43
הענרי סוועדזש.	די וווּנדערשפּילקע	44—49
	א זון פון א באָלשעוויק („יונגער פיאָנער״) . . .	50—74
	ווי אזוי איטשקע האט געהאָלפן דער מאמען („יונגער פיאָנער״) .	75—80
	קינדער אין דער פאריזשער קאמונע („יונגער פיאנער״) . .	81—85

פרייז 65 קאפ.